STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10781

GERANGL, 1917-1929

Leib Kvitko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב קוויטקאָ

געראַנגל

1917 — 1929

צענטרפאַרלאַג—כאַרקאָוו
1929

Бібліографічний опис цього видання вміщено в «Літописі Укр. Друку», «Картковому репертуарі» та інших покажчиках Української Книжкової Палати

Перша Друкарня Державного Видавництва України імени Г. І. Петровського Харків

Укрголовліт № 669. 18/II 1929. Зам. № 981. Тир. 3000.

מענדעלע

אַרייַנפיר

מיר זיינען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, געבוי און געשלעג,
און פלוצים מיר הערן, מע שרייט אפן וועג:
„— ווער האָט פאַרגעסן אין וועג דאָ אַ טאָרבע?
„דערביי נאָך א פייגער,— אַ קליאַטשע מיט האָרבעס?"

מיר רייסן זיך אָפּ פון דער ארבעט פאַרברוינטע,
מיר קוקן זיך אום און מיר פרעגן דערשטוינטע:
— א טאָרבע? א טאָרבע? וואָס ליגט אין דער טאָרבע?
און וואַרט נאָר, וואָס זאָגט איר,— אַ קליאַטשע מיט האָרבעס?

דאַכט זיך ניט אונזערס און עפשער גאָר... א?
אַ כאָלעם א ווייטער א ווייטער אַזאַ!..

„— ס'ליגט אין דער טאָרבע א טפיל און א הויקער;
„אַ מעקלערשער שירעם; אַ שטיק פון אַ סטאָיקע!
„די טאַש פון באַלטאַקסע; דער גווירטעס פאַריק;
„און צעטלעך פון דוירעס פראָצענטניקעס ליגט!..

סע גלויבט זיך דאָס האַרץ ניט,— מיר זיינען פאַרברוינטע,
פון אַרבעט פון גרויסער, מיר קוקן און שטוינען:—
געשיקט זיך ס'איז אונזערס?!. אַוואַדע... אָוואַ!—
אַ כאָלעם א ווייטער, א ווייטער אזא!..

בין צוגעבונדן צו מיין גרויסן היינט

ערשטער בוך

ערשטער טייל

די שוואָגערלעך

1

אָט קומען די שוואָגערלעך ליס און געמיימע
מיט מיינונגען שפּיציקע, סוואָרעס געהיימע.

ליס טוט פאַרשניירעווען ליבלעך זיין מיילכל:
א וואָרט און אַ שפּיז און אַ שטאָך און א פּיילכל.

איז אַלץ, וואָס מיר ליב און מיט וואָס איך שטאָלציר
ווערט טייקעף באַדעקט מיט אַ וואַסעריק געשוויר.

די שוואָגערלעך קומען, ווי לאָהעטע אָרכים,
מיט קונציקע שטאָך־רייד
מיין פעסטקייט צעשטאָרכען.

איך שטאַרק זיך און פעסט, —
מיין מאַרך לאָד איך אָן און שטעל זיך אַנקעגן,
וועל קריגן מיין קריג, וועל שלאָגן אַנטשיידן! —

איך זאָג:
— סע גייען האַמוינים אַף בערג צו דער זון.

אַ פּפירקע טוט ליס ווי א פּראָש:
— האָסט געהערט?

ווער זאָגט, אַז סע גייען האַמוינים אַף בערג?
גיב זיי אַ פּלעצל פון קלאָטשע מיט קלאַיען,
זאָג: „ס'איז פון גאָט", — ווערט מען האָפּעריק קייען".

סע באַמקעט געמיימע מיט פיבערשן מויל
און ביידע — צווייפענעמדיק, קלוגעטשקע, וואויל,
מיט כויזעק, מיט העצע, מיט הינטישע שטיק —
מע שלעפּט די האַמוינים, מע שלעפּט זיי צוריק.

אַ וויסטקייט דערפיל איך און מיעסקייט און מאַנגל,
דאָך בלייב איך אין רינג פונם ערשטן געראַנגל.

2

זיינען די שוואָגערלעך רירעוודיק, פיין,
דרייט מען אין צווייטן געראַנגל אַריין.
איך זאָג:
— דאָס לאַנד,
אונזער לאַנד פון אַזעלכע געבירטן!
וואו קנעכט פונם לאַנד זיין געוואָרן די ווירטן,
וואו טאָג איז אַ פויק און וואו זון איז אַ פויסט,
און די פויסט אינם פויק:
בירי־באָם, — אַרויסט!
ווער שטרייטן סע מוז, ווער גלוסטן סע האָט,
באַ וועמען דער גייסט איז קיינמאָל ניט זאַט, —

אָט דאָ איז די הילף,
אָט דאָ איז דער ענטפער.
ס'איז העכער דאָ מענטש!
און אַלץ איז דערגרייכיק!
דער מענטש איז א קעמפער!

הערן די שוואָגערלעך שווייגנדיק אויס,
ליס טוט דערנאָכדעם געמיימען א שטויס:

„— וואָס זאָגסטו אַף אים,
געפעלט דיר א יאָלד! —
באַ אונז איז דער מענטש דאָס פּאַרקערטע פון גאָלד!
דאָס וואָלוולסטע — מענטשן,
פיל וועלוולער פון קליידער!

פאַל נאָר אין גאַס, וועסטו זען, אַז יעדער
וועט אויפהויבן פריאווּן דעם הוט,
ניט דעם קאָפּ...
דער פּרייז אַפן מענטשן אין לאַנד איז אַראָפּ".

באַפאַלט מיך א ווייסטקייט און מיעסקייט און מאַנגל.
דאָך בלייב איך אין רינג פונם צווייטן געראַנגל.

3

איז נאָך די שוואָגערלעך ווייניק מיין פּיין,
כ'זאָל נאָך אין דריטן געראַנגל אַריין.
א כאַווערטע האָב איך,
אַ קינד, און האָב לידער,
איז יעדעס מיר ליב און האַרציק, פאַרשידן,

איז יעדעס א טייל פון מיין מאַרך און מיין לופט.
מיין מאַמעלעס מילך אין מיר קילט, ווען מע פּרואווט
מיט אויג נאָר א פינטל טאָן בייז אָדער מיעס.

קומען די שוואָגערס געמיימע און ליס.
זאָגן זיי ליבלעך:
— „לידער קאַזיאָנע,
בעסער זאָלסט שרייבן פון אָמעד און לוואָנע,
פלעגסט אמאָל שרייבן דאָך פיין און מילד...
ווי מיר, דיין ווייבל, ווי מיר, דיין קינד.
וואס האָסטו געמאַכט פון זיי, — זיינען דאָך מייסים:
אַ טאַכלעס פון דיר...
אין דר'ערד אַריין גייסטו...

באַפאַלט מיך א וויסטקייט און מיעסקייט און מאַנגל,
דאָך בלייב איך אין רינג פונם דריטן געראַנגל.

טוט מיר א קראפּט אין די ביינער א ברום...
„קוק זיך ארום —
ס'אַ פוקס און אַ טכויר.
וואָס דרייען זיי אַלץ, אף שלעכט, אַף קאַפּויר.
— געזען אזאַ פּאָרל!
פון וואו און פונוואַנען?
גיב זיי אין קאָלנער און שיק צו דער
מאַמען!..“

ווענעלעך קאַלעך

ד. פּ.

אָונט גראָווער,
כ׳בין דער שטאָטס א יונג־געביי,
ס׳פּיקט מיין מויל אַ ליד:
דין, דין.
טרייבערס, דראָזשקעס, כראָמטשערײַ
פון גראָבער זאַמד אַף האַרט ברוקיר.

די שטאָט הויבט אָן איר ליבע־שפּיל.
אַ וואונק אַהער, אַ וואונק אַהין.
סע גיט די בלום,
סע נעמט די בין,
סע פּיקט מיין מויל א ליד:
דין, דין.

אַ פויער־בעטלער שטרעקט די האַנט,
כ׳גיי פאַרביי:
אהער, אהין.
זיין האַנט זעט אויס — אַ שטיק בוריאַן.
ער שרייט מיר נאָך:
„העי, גאָספּאָדין!
העי, גאָספּאָדין!"
און האַקט א זידל־וואָרט אינמיטנדרין.

גייט דאָס זידל־וואָרט מיר נאָך,
און כאַפּט ארויף זיך אַפן קאַרק,
קריכט אין קאָלנער,
טרעפט אין מאַרך.

קאַלעמוטנע, קאַלעמוטנע
ווערט מיר, קאַלט:
ניט געראָטן אים זיין לאַנד,
דערנער־קרויט —
איז ניט קיין ברויט.
שטרעקט עס אויס צו מיר די האַנט,
צו מיר, — דער שטאָט,
צי מיר, — דער שטאָט:
„העי, גאָספּאָדין!
העי, גאָספּאָדין!"
און האַקט א זידל־וואָרט איינמיטנדרין.

קום איך מיטן זידל־וואָרט אַהיים,
לייג איך שלאָפן זיך מיט דעם,
רייסט עס מיר די הויט פון קאָפּ,
אַלע מאַרכן עפנט אויף און דעקט זיי אָפּ!

שפּעטער, שפּעטער שלעפערט,
ליגט מיר זידל־וואָרט באַם לייב,
לייב איז יונג,

לײב איז הײס,
זאפּט דאָס װאָרט מײַן טרױם,
מײַן שװײס,
זאַפּט עס שלאָפנדיקערהײט
ביז דאָס זידל־װאָרט צעגײט.

... אינדערפרי פירן קלײנע,
װײסע װעגעלעך קאַלעך,
װאוהין זײ פאָרן —
דאָרט איז מײַן אָרט,
סע הערט זיך מונטער אַזאַ מעהאַלעך,
איך גײ מיט װײסע װעגעלעך קאַלעך.
דער בליק איז העל
און פריש דאָס װאָרט.

איך בין צוגעבונדן...

איך בין צוגעבונדן צו מיין גרויסן היינט.
דער דעמב, מיין פריינט,
האט מיר פאַרשמעקט מיט זיינע וואָרצלען.

איך בין צוגעבונדן צו מיין גרויסן היינט.
דער גראָב־אייזן, מיין פריינט,
איז שאַרף, און ערד איז פייכט און זאַפטיק.

איז דאָ די זון, צי ניט, —
מיך שטאַרקט דער שמעקעדיקער הויף,
וואו בעהיימעס קומען זיך צונויף.

און מיינע פעסטע פיס!
און מיינע שטאַרקע הענט!
כ׳וואָלט א יונגן אָקס
דעם קאָפּ פאַרלענדט!

זייטיקע באַגערן

ס'האבן באַגערן ביז איצט זיך געוואַרעמט
אין אינגלשן פוך,
אין אינגלשן מאָך.
און איצטער מיט דאָרשט
און מיט אזעס זיי שפּאַרן
מיט פויגלשן ליאַרעם:

„נאָך!..
„נאָך!..
„נאָך!..״

באַגערן, באַגערן!
איר הונגעריקע מעוועס, —
איר פליט נאָך באַלאָדענער שיף פון מיין טאָג.
קאַרג מיר די מאַנגלען,
די נויט, דער געראַנגל?
פעלט מיר צום רימעל נאָך אייער געיאָג!

ניט זיס איז דאס פאָכען
פון פליגל פון אייערע,
ניט ניכע איז מיר
אייער גלוסטיקער פּיק. —
מע פּרואווט מיך אַף וואַסער,

מע פּרואווט מיך אף פייערן,
מע רופט מיך אַ פרענט זיין צו ענדלאָזער בריק.

פליט אייך, באַגערן,
איר הונגעריקע פויגל.—
מיך בראָט גאָר, מיך קרעפּטיקט
דער ווינט פון מיין גלויבן,
דער ברען־ווינט דער פריסעק
קלאפּט אין מיין שלייף.—
די אויגן איך זשמורע,
און שפּאַר אף שטורעם,
און שניידט אים און זייף!..

פרילינגס, זומערס, האַרבסטן

ליבקייט, ליבס, נאָך וואָס דאס טרויערן,
וואָס זומערס, פרילינגס, האַרבסטן שוועבן, —
מיר האבן שוין דעם דאָר א קינד געגעבן
און גייען ווייטער דורך די יאר,
ווי דורך די טויערן.

אָט וואַקסן ווענט,
שטיינער העפטן זיך,
שווערע האַמערן אַף קלעצער האַוקען!
סע האָרעווען אַף שטעט, און קרעפּען זיי
כאַדאָשים: יון, יול,
אַווגוסט.

בויער פלינקע, פלייסיקע,
פאַרשמירטע קלעטערן,
אַף סופיטן, אַף פאַסאַדן.
ס׳וועלן זיך צום האַרבסט צו
נייע שטאָט־טיילן צעבלעטערן
אויפצונעמען מ י ־ ט ע ג און פאַראַדן!

קומען שוין אין שטאָט צו אלע שטעלעכער
די אָנגעלייגטע געסט,
די קאַוועגעס, די דיניעס.

פרישע פאַרבן פעלדישע
אין שטאט צעהעלן זיך,
אין שטאָט אין שטויביקער
צווישן די מאַכיניעס.

קינדער קומען אונז אקעגן אָן,
פון ווארעמען נעפּל שוימען גערטנער און פאַבריקן,
פיירעס אין די וואונדער־סעדער פליקט מען
און רעגנבויגנס שפּילן נאָכן רעגענען.

זאָלן פרילינגס, ווינטערס בריקעווען,
דאַרפן מיר דען וויין זיך צו פאַרשיקערן,
דאַרפן מיר דען קלאָגן אַף א גרויער האָר?
מיט אונזער קינד איינעם אַפן וואָגן
טראָגט עס אונז צו לויטערע פאַרטאָגן.
— אוי, וואַקסט א דאָר פון אונז,
א ד אָ ר!

געוועט

נאכן אפשוועבן פון טאָג,
נאָך שווערן ריידעניש,—
איז גוט א פריינט באַגעגענען,
וואָס טוט א זאָג:
„ס'איז פראָסט און זון".

און פראָסט און זון,—
מיט נייעם כיין באַהאַנגען,
מיט שאַרפן כיין פון קרעפטיק־לאַכנדיקע אנגלען.
די ציין:
ווי מאַי, ווי יון,
די ציין די פריילעכע
מיט זון מיט פריילעכער זיך ראַנגלען.

מונטער פילט זיך קאָפּ אף האַלז־און נאַקן.
ווער פרירן?
וואָס פרירן?
אלץ איז גרינג און פלינק איצט דורכצופירן.—

אָט־אָט... א ווייל...
און ווי א שטאָלן רינגל,
א וואָרף טאָן וועל איך זיך אַהין,
וואוהין איך ציל...

ווייל צווישן נאַכט און נאַכט,
צעהאנגען הענגט א זון!

נאָר פראָסט און קעלט קנאַקן מיט דער רוט,
די אויגן־לעפּלעך מיינע פינטלעך,
צו און אויפגעמאַכט:
ס'איז דער שעטען
ווייט און שווער און קיל
און צווישן זון און זון צעהאַנגען הענגט א נאַכט,
און קעגן שווערער קעלט
איז אויך ניט גרינג די שפּיל...

פּאָיע, מוט מיך,
פּאָיע, מוט מיט מונטערע שלינגען,
כ'זאָל באגלייך מיט מיינע פרייַנט אריבערשפּרינגען!

גלוסט זיך ניט...

גלוסט זיך ניט אַהיים גיין, אהיים:
פיר קוואַדראַטן אויסגעווייסט מיט ליים,
טינט און לעמפל,
הענטל־פען,
קוק איך שטאר,—
א מאַנעקען,—
גלוסט זיך ניט אַהיים גיין, אַהיים.

מיין העלס,
אינגאַנצן מיין העלס,
אַלע מיינע פריינט אַף דער פּאַרט־קאָנפערענץ,
דערהויבענע,
דערלויכטענע צום העכסטן,
צום שענסטן.

שטאָט איז רייך מיט ראָגן,
מיט וואוילערישן נאַכט־קאַשנע,
מיט פאַרב־געמיש,
מיט צייטונגס־וואָרט,
מיט יונגן מיידלס טרעלעלע.
און לעוואָנע, מיט איר קענטלעך פּאָנעם,
קוקט פון ווייסן וואלקן־כריין.

כ'דאַרף דאס ניט,
און וויל דאָס ניט,
און וויל ניט גיין אַהיים, —
אַלע מיינע פריינט אַף דער פאַרט-קאָנפערענץ,
דערהויבענע,
דערלויכטענע צום שענסטן!

פארטרעטן

1

מיין פריינט

מיין פריינט איז יונג, מיין פריינט איז אַלט קוים דרייסיק יאָר,
שטעקט ער שוין מיט פופצן אין די ווירבלען פון זיין דאָר.—
איז פול זיין כאָלעם מיט מילכאָמע און מיט שרעקן,
נאָר אינגלש איז זיין טאָג און פול מיט ווייטע שטרעקעס,
זיין אויסגעמאַטערט לייב שרעקט זיך ניט פאַר גאָר—
איך שטוין, איך גאַף: ווי קען עס אף אזעלכע ווייטן קלעקן ?!—
ליידנשאַפטן פייניקן דעם מענטש פון דרייסיק יאָר.

ער לויפט ארום. צעטראגן איז דער קאָפ:
ער נעמט פאַר אַרבעטער די בעסטע דירעס אָפּ,
און זיין אייגן צימער באַ דעם דאַך פאַרשאַרט איז.
ער קומט אין האַלבער נאַכט, א ריינער טעלער וואַרט אים,
זיין מיטאָג, — קאַלט, — דאס אָרעם ביסל זופּ.
אין אָנטאָן שלאָפט זיין כאַווערטע די צאַרטע.
ער שלינגט די שפּייז, אין בלאַט געשטעקט דעם קאָפּ.

ער לייענט, ער עסט, — נאָר גייען גייט אין זיין געדאַנק
דער ווי ארום, דער ווי דורך זיינע אויגן בלאַנקט:
דאָס וויסטקייט איז נאָך גרויס, דאס אָרעמקייט נאָך גרעסער.
און האַרט דאַרף זיין די האַנט, וואס פירט דאָס מעסער

אַף אויסשניידן דאָס וואונד־פֿלייש און געשטאַנק. —
ניט נאָכלאָזן דעם האַרץ, און ווײַ זיך ניט פֿאַרגעסן,
ס'איז אָנהויב פֿון די אָנהייבן און אָנהויב פֿונם גאַנג.

צי זעט מײַן פֿרײַנט — פֿון שווערע אָלן מיד, —
ווי פֿון זײַן ווײַבל גייט פֿאַמעלעך אָפּ דער בליט?
א הייסע ליידנשאַפֿט אין בלוט זײַנס פֿינקלט.
די הייסע ליידנשאַפֿט צעסאַרפֿעט זײַנע לונגען,
ער פֿילט אַפֿילע ניט, אַז קרענק זיי גליט. —
ער איז אין אָנגעלאָדנקייט פֿאַרזונקען
און גייט דעם טויט נאָך טריט בא טריט.

2

מע רייניקט...

איבער די קעפּ פֿון די ביימער די שײַן איז צעהענגט,
און צווישן די שטאַמען איז טונקל,
און גאָר בא די וואָרצלען — דאָרט בלעשטשעט און שווענקט,
און זיבערע וואַסערלעך פֿינקלען.

פֿרילינג. מיט שטריך איז פֿאַרצוימט טראָטואַר,
מע רייניקט פֿון דעכער די שנייען.
מע רייניקט,
איך טראַכט:
דאָך בלײַבט נאָך א נאַר...
ווי קומט אָט דער נאַר אין די רייען!..

אָט גיי איך פון אים,
פון זיין פלאַפל באַטויבט,
פון גאַיווע זיין פוסטער צעטראָגן:
„— וואַרט. איך וועל ווייזן!
„ווער זענט איר דען? — דרויב!
„איר ווייסט, אז כ׳האָב וראַנגלען געשלאָגן?

„אַוואַדע, איך זע א דעסאַנט קומט פון יאַם:
„איך קוק מיך ארום — איך בין איינער!
„איז טייקעף א דריי — און שוואַליאָם און שוואַליאָם.
„פון דעסאַנט איז געבליבן נאָר ביינער!

„וואָס גלייכט איר זיך אַלע? — זענט ווערט דען מיין שוך?
„איך בין שוין פון קינדווייז א שניידער!
„און אין פאַרטיי שוין פון ווייסט ווען דער רוך —
„און איך האב מיט פּוּלקן געשליידערט!״

איך הער און געדענק וואס איך וויים וועגן אים,
פון אַרבעט, זיין אַרבעט קענאָרע:
געצאָלטס פאַר „נאַגרוזקעס״, און זומערס אין קרים —
דאס לאַנד איז אים איין סאַנאַטאָריע.

איך קוק אף זיין שרייבטיש:
א שניידערשע שער,
זיין פרוי אַפן בילד מיט א שירמל,

דערבײַ ליגט א מאָס און א פּרעסל א שווערס,
א קרײַדל באם טינטער פון מירמל.

איך פרעג אים:
— אַנטשולדיקט, שוין לאַנג פון וואַרשטאַט?
„— אזוי, א יאָר אכצן פון פּראַציע...
„— פון ווען אין פּאַרטיי?
— אין פּאַרטיי איז נאָש בראַט,
„א וואָך פאַר דער נעפּ־דעקלאַראַציע.

„וואָס מיינט איר, איך בין פון די אײַערע שלעק?
„א ווערט בא מיר ווערן דער פירער!
„א ווערט איז בא מיר אייך צו טאָן א פּאַרמעק. —
„דערוויילע נאָך קענט איר זיך שמירן..."

3

צעצווייטקייט

זײַן טיאָכקענדיק און קלינגענדיק געלעכטער
שטאַמט פון קוזניעס אין באַגינען.

און מיטאַמאָל:
קיין שפּור, קיין זייכער, —
דאס פּאָנים שטרענג,
דאס וואָרט איז שטאָל,
און פון די שלייפן טראָפּנס רינען.

דערזע איך אייך מיין פריינט,
ווערט מיין קראַפט געקייפלט,
ס'קלאָרט זיך אויס געדאַנק ביז לעצטן שפּענט —
א בראָך צום לייב וואָלט זיין,
איך וואָלט געברילט פאַרצווייפלט,
ווען אייך וואָלט ניט גענוצט —
מיין קאָפּ און מיינע הענט.

נאָר כ'האָב געשטוינט, געלאַכט
ווען בין צו אייך געקומען:
קליינשטעטלדיקער גלאַנץ —
פאַמיליען־קאַרטעס אַכט!
פאַרב־פּאַפּירענע בלומען.
און איבער לענינס בילד —
מישפּאָכע־בילדעלעך א קראַנץ!

ווי קומט צו אייך דער גוסט פון קליינע באַלעבעסלעך?
צי פילט איר ניט, באַם קליינבירגער געבאָרגט!
צו גרויס איז דער בופעט,
דריי פירטל שטוב
באזעצט ער
צופיל פאַר אים געזאָרגט.

היינט, איר רעדט צום קינד,
סע שטעכט מיך:
„שאַ לענעטשקע, ניע פּלאַטש, נאַ טיעבע פּיטאקל”

טייערער, איך זע אין וואָסער זייט איר ברעכט זיך
און ס'טוט מיר ווײ
צו קומען צו א סאַכאַקל.

ווייל איך ווייס
צו וואָס איר זיינט דערהויבן,
צו וואס איר זיינט געשטעלט,
ווי זיכער אייער גייסט די וועלט באַנעמט.—
אויסער אייער היים זענט איר מיין אייזנפעסטער גלויבן,
און אייער היים מיך מאַכט פאַרשעמט!

4

די היים צעפאלט

פון זיך אַליין,
די היים די אייגענע צעפאַלט,
סע שווענקען זי אונטער:
צוויעס און גלוסטן.
די היימלעכע ווינקלעך—
פאַרלעגערט און אַלט—
לופט, זיי מאָנען לופט.
קומט נאך מיין ברודער,
און גראָבט זי אונטער,
די היים, אומיסטן.

געפּרוואוועטע, ניכטערע פאַרשווינען
טראָגן אריבער דעם קאָפּ אין אנשטאַלט.
דעם קאָפּ אין אַנשטאַלט,
און אין קלוב די געביינען —
די היים צעפאַלט.

די היים מיין ברודערס גייט צו גרונט,
ווי קעץ אין איין זאק—דאס הויזגעזונט.
אף מיין ברודערס אויסזען,
ליגט דער בראָך,—
די קישקעס שלעפּן זיך אים נאָך.

אין גווירס צימערן, וואס ער פאַרנעמט:
יאָמערן די ווענט,
דער הענגער,
די קרישטאָלן דעם בופעטס:
„געווען אמאָל דא רייכס און גוטס און ריינקייט
„געווען א יי ן היים,
„א יי ן הייטל פּעטס".

איצט, די היים — אין פאַלן,
איינצוהאַלטן זי,—ניטאָ קיין באַלן,
דאס לעבעדיקס גייט איינציקווייס אוועק,
שטויב דעם שפּור פאַרמעקט,
די לאַסטן פון בופעט צעפאַלן.

אויסגעקרענקט דעם אייגנגוץ,
אַלץ פּערזענלעכס אויסגעראָטן,
האט מיין ברודער זיינע ליידנשאַפטן
איינגעצוימט אין אַלעמענס שפּאַן.
און שטאַרק איז ער אין וויסן, וואס ער ווייסט,
אז היים, די היים געבראָטענע:
צעקריגט, צעדרייט זיין יעדן פּלאַן.

ער רופט ארויס צו זיך א יונגן טוער:
— הער, אַן אָפּגעשטאַנען ערטל אין וואָלין,—
פּאָר, צערודער.
— וואס הייסטו מיר, וואס שיקסטו מיך אַהין,
אז אין זאַוואָד מיין פרוי דאָ דינט?!
און די קוואַרטיר?—
דאָך אָקאָרשט אויסמעבלירט...
געבראַכט די עלטערן אַהערצו...
וואס הייסט, מע רואינירט?

הערט מיין ברודער עס, און הערט ניט,
זעט און זעט נאר דאס פאַרוואָרפן ערטל,
וואָס וואַרט און פרירט.

— און ווילסטו נאָך, איז ווייס...
לאָז מיך דורך דאס יאָר...
מיין פרוי... פאַרשטייסט...
וואו נעמט מען דאָרט אַן אַקושאָר?..

— יאָ, מאָרגן קריגסטו די פּאַפּירן,
הערסט! דו פּאָרסט. עפּן דעם אַרטעל;
פאַרברייטערן דעם רינג.
דעריקער אָבער לאָזן באַלד די מילן,
אומבאדינגט...

סע ווישט דעם שווייס
דער יונגער טוער:
— וואס הייסט?
און די קוואַרטיר?
די היים?
וואָס הייסט, מע רואינירט?..

5

שפּאַציר

ער פירט אַלע טאָג אַרויס די גאַיווע שפּאַצירן,
און מאַכט זיך פּלאַץ פּונפּאָרנט מאַרשירן.
דערזעט ער אַ קראָם, — וויל ער א קלייד,
אים אַרט ניט, דער כאַווער גייט נאַקעטערהייד.

ער פירט אַלע טאָג ארויס די גאַיווע צום פּאַסען,
צעשטערט ער די מענטשן, צעשפּאַרט ער די גאַסן.
ער רעדט אַף אַ קאָל און קלאַפּט זיך אין ברוסט,
און וואָס ער דערזעט, צו דעם האָט ער לוסט.

ער פירט אַלע טאָג אַרויס די גאַיווע צום פּאָיען.
אַזאַ ביזאָיען, אַזאַ ביזאָיען.
די אויגן פארגלאָצט ער, פאַרוואַרפט מיט די הענט:
„די וועלט איז ניט ווערט מיין אייגענע העמד".

צען פענעמער האָט ער,
צען פענעמער בייט ער,
און האט קיין איינציק גרויער האָר.
דו ביסט דאָס פערד
און ער איז דער רייטער, —
רייטן וועט ער הונדערט און צוואנציק יאָר!

מיין קעמערל

רייף און פאַרטיק ווערן אַף מיין לייב די קעמערלעך,
נאָך אַ קאַפּל ווערן זיי איבעררייף...
רעגלמעסיק קלאַפּן אין די שלייפן העמערלעך:—
מע קלאַפּט, מע שלייפט.

זייף און וואַסער צעגייען לעבעדיק
און געבן דעם לייב זייער דופט.
אויך די לופט —
מיט פולער געטריישאַפט,
גיט צו געוויקסן אָפּ איר קויעך.—
אַזוי אָפּצוגעבן זיך, וויל איך אויך.

איך געהער צו אַ קראַפט, צו אַ קעמערל קליינס.
נאָר מיט א לופּע באַמערקט מען מיך:—
איינס.
דאָך בין איך א טייל,
א טייל אין דער קראַפט,
וואָס ס׳קעמערל שאַפט...

כויוועס

ביִן קיינמאָל אין קיין כויוועס
ניט געוועזן אַזוי פאַרבאָדן.
אויסטעראַלישע כויוועס און דריבנע מינץ.
מיין טיש איז אָן פּאַטראָוועס,
מיין קאָפּ —
מיט וואָך געלאָדן,
געגנוג פאַר מיר אַן אָרעם שטיקל מילץ.

הויל און בלויז —
בין איך אַט'הער געקומען.
צוריק וועל איך זיך אומקערן
הויל און בלויז.
כ'האָב אָפּגעגעבן שוין
די יונגשאַפט פון מיין פּאָנעם,
געשענקט דעם דאָר מיין ליד,
מיין ווילדע רויז.

נאָר לייג איך צו צו דר'ערד דעם אויער,
דאַכט זיך מיר, די ערד, זי מאָנט,
און יעדער קינדער־בליק,
און יעדער שטיין פון מויער,
און יעדער טאָג, וואָס בויגט זיך אָפּ צום האָריזאָנט.

װאָס קען דען פון מיר קומען,
אַז מײַן פאַרדינסט,
און מײַן באַגער איז ערדיש און געדולדיק:
איז שװער מיר, שװער.—
איר זאָגט:—
בין יעדן שולדיק,
איז װעל איך פּרוּאװן צאָלן:
מאָנט!

זיין וואָרט

סע האָט זיין וואָרט די פולע ווערט,
די פולע קיילעכדיקע וואָג, —
ווי די פיירע,
וואָס פון רייפקייט שפּאַלט זיך:
ווי דער בוים,
אַף וואָס די גוטע פיירע האַלט זיך;

פעלקער, לענדער האָרכן: —
סע הערט אַ שאָרכן זיך,
אַ מעכטיק שאָרכן, —
שטאַרקער, ברייטער,
שטאַרקער פילט זיך אָן די לופט
מיט בסורע און מיט דופט:

דאָס לאַנד האָט צעוואַקסן, צעוואַקסן
אַלץ העכער,
אַלץ ברייטער די אַקסל!
אַלץ מערער צעקייעט די אַנגלען, —
פילט מען שוין מאַנגל און מאַנגלען,
גלוסט מען צו ברייטס שוין,
צו מעכטיקס,
אַז נאַכט, ווי דער טאָג זאָל זיין ליכטיק!

אויג אף אויג

1

איך קוק צו זיין פּאָרטרעט ארויף און זאָג:
הייס און שווער איז
פוגעוועז די פּוגעס פון אונזער זיין! —
צופיל ספּייקעס, צופיל פּיין!

ער ענטפערט אָפּ:

„— דו קייעסט פּאָשעט ברויט, דאָס שווערע ברויט,
„דאָך טראָגסטו אַלץ די צוים פון „שיינעם" וואָרט,
„די צוים, וואָס מאַכט נאָר קאַליע דיר די ציין,
„און רירט ניט אַף א האָר פון אָרט.
„דו ווייסט אַליין,— דו ביסט א מענטש,
„און וואָס אַף דר'ערד געשעט נאָר שלעכטס —
„א טראָפּן דיינס איז דאָ אין דעם,
„דו ביסט א מענטש, דו ווייסט אַליין,
„דו ביסט פּ אַ ר אַ נ ט וו אָ ר ט ל ע ך פ אַ ר ד ע ם."

— יאָ, איך ווייס,
אָט שטיי איך דאָ,
נעם מיך,
שיק,—

קיין שווערער גאַנג פאַר מיר ניטאָ, —
אַף יעדער גרוב קאָן זיין א בריק.
נאָר פּרואוו מיך ניט אַף דריבנע פיין:
אַ פלאַסטער פאַר א מאַקע זיין —
שיק מיך בעסער הויבן בערג!

ער קוקט צו מיר אַראָפּ
און זאָגט:
„— דיין העמד איז גראָוו, — נעם וואַש עס אויס.
„די פענצטער עפן אין דיין הויז,
„און דיינע שכיינים רוף צונויף
„און זאָג:
„— לאָמיר ריינמאַכן דעם הויף!
„דיין הויכן טרוים אין הענט נעם פעסט
„און פיר אים אויס אין טאָן און טאַט,
„כאָטש יעדע שאָ א שטויב די גרויס,
„אַ מילב די גרויס, פון דיין פאַרמעסט!

2

אַן אַנדערס מאָל איך קום און זאָג:
איך לויף פון מיין היים,
ווייל סע מאַטערט מיך.
נאָר דאָס, וואָס קומט פאָר בא מיין זייט —

איז אומעטום, אומעטום יאָטרעט עס:
די פּרויען, — ווי שמאַטעס צעפּאַטערט מען.
אַ פּראָוו אַפן צונג און אַ שפּיי!

אַנטלויף איך פון דר׳היים צו דער טורמע דאָרט,
דער וועכטער בין איך און איך היט.
און ס׳טרעפט מיך:
די ערד האָט צעשטורמעוועט:
שליידערט געביידעס און טורעמעס,
און הויבט אונז און האַקט אונז די טריט.

סע לאָזן אַפילו די פויערים
דאָס פּי פון די שטאַלן אַרויס,
מע לויפט פון די הייזער און טויערן
אַף פלעצער אַף פרייע, און מוירעדיק
מע זעט אים, דעם כורבן, דעם טויט.

דער וועכטער בין איך פון דער טורמע דאָ,
הונדערט פאַרשוין הינטער טיר,
זיי רייסן די גראַטעס, זיי שטורמעווען
און קלאָגן פון דאָרטן צו מיר:

„סע פאַלן די שטיינער און האַרגענען.
„נעמט אונז ארויס ערגעץ וואו!

„פענטעט אונז! טרייבט אונז אין באַרג אַריין!
„נאָר לאָזט אונז ניט אומקומען דא!"

הונדערט נעפּאַשעס פאַרשטויסענע,
געשרייען ווי נאָדלען, ווי שטעך.
און איך א געשיצטער אין דרויסן שטיי,
און פיל, איך בין מער ניט קיין שומער זיי —
זייער טויט, זייער גרעבער בין איך.

טראָג איך אַהיים, אַ פאַרשפּעטיקטער,
מיין הייסן, צערודערטן קאָפּ —
וואַרטן געפאַרן און ווייטיקן,
וואַרטן מיך אָפּ אַפן ראָג,
ווייל ווילן, ווייל מוט אין די אָדערן,
האבן פאַרלאָזט איצט מיין לייב, —
באנוצן זיך פלאָגן. —
זיי גראַגערן:
„כאַפּ אים!
נעמט אים!
רייבט!"

זיי שליסן אַ קרייז אַ געשלאָסענעם,
די פלאָגן פון גאַנצן לאַנד.
זיי שרייען מיט קרענק, ווי צעלאָזענע:
„זיי מיט אונז, האָב מיט אונז כאַסענע,

„דערלאַנג אונז דיין האַנט!
„דו זוכסט דאָך די פרייהייט, די לוסטיקייט, —
„מיר זיינען די פרייסטע און גלוסטיקע,
„מיר זיינען די ריטער פון דר'ערד!"

כ'האָב מוירע פאַר זיי, די צעפּיסקעטע,
איך קלאַפּ זיך אין קרייז הין און הער.

3

ער קוקט צו מיר אַראָפּ,
און זאָגט:

„— פאַרבלייב אין קרייז
„און צו די פלאָגן רוף:
„איך געב אייך אָפּ מיין גוף.
„נעוויילע־פלייש פאַר וואָלוולער פּרייז:—
נאַ, צערייסט."

„און ווען דו נאַרסט זיי אַלע אַרויס
„פון בראָך און לאָך, — דאַן שפּיר זיי אויס,
„און קוק זיי דורך און מעסט זיי אָפּ:
„פּ ו נ ו ו אַ נ ע ן ש ט אַ מ ט ב א ז יי ד ע ר ק אָ פּ!
„נאָר פלינק און וואַך —

„און ווען דו האָסט דיין פיינט דערקענט,
„ניט לאָז אים רוקן זיך באַ ווענט —
„הויב אויף די ש ו ו ע ר ד — און שלאָג די שלאַכט!"

4

שלאָג אויף, שלאָג אויף מיין לאָשן,
מיט זון און געווירצן,
מיט יאָדעריק היכצן,
און ברענג מיך און לייג מיך
צום שטויב פון די מאַיסעם,
צום שטויב פון זיין וואונדערלעך הויכן באַגין.
דורך זיין טאַט איז גרויס אונזער אָנזען,
דורך זיין טאַט איז יעדער א יעש!

א באגעגעניש

א פּאַר גייט פון מיסטן,
א פּאַר פון ערד שלאָגט אָפּ.
געקומען איז די זון שוין: —
קוים אַמאָל אַראָפּ!

זי שמעקט, באלעקט די הויטן,
פון די פייכטע בערג. —
א קינד זיצט אף דער ערד
און באַקט פון בלאָטע ברויטן.

טוט געמיימע קאַלט א ברום:
„ס'איז נאָך גאָר א קאַלטע זון"
„פע, אַזאַ אינדרויסן —
„אַן אָפּגעריבן שמויסל".

שריי איך שיר ניט אויס:
פרילינגדיקע בלאָטע,
ריטשקענדיקע פרייד,
זון פאַרדריפּעט פענעמער און קלייד.

ריטשקעס, ווי די זעגן,
זעגן ברייטע ברעגן,

גערטלעך — מעאובערעס,
בוימער, ווי בעהיימעס,
הויבן אויף די ברעמען
צו דעם בוהאַי, צו דער זון.

טוט א פאַנפע ליס:
„זע, א קווירע־וואָגן ציט,
„מע איילט ניט מיט דער רייזע,
„סע ליגט א קינד א טויטס,
„מיט טענצער־שיכלעך ווייסע,
„מיט טענצער־שיכלעך ווייסע,
אינדרויסן איז א קויט...״

מארש

מיר שיטן בעסטן אָפּקלייב,
בעסטן ווייץ און גערשטן,—
אונזער לאַנד דאס פרייִדיקסטע,
אונזער לאַנד דאס ערשטע!

טיפער אונזער אַקער,
ברייטער דעם פּארזיי!
די זין די רויטע היטן אונז,—
די העלדישע אַרמיי!

מיר גרייטן ריינעם האָבער,
רייכן ריפּס און קאָרן,—
אונז א גרויס גערעטעניש,—
דעם פיינט אין אויג אַ דאָרן!

טיפער אונזער אקער,
ברייטער דעם פּאַרזיי!
מיט זין מיט רויטע גייען מיר,—
מיט העלדישער אַרמיי!

און איבער הויכע פעלדער,
פידלען ווינטן לינדע,

אָי, סע וואַקסן קינדערלעך,
אָי, סע וואַקסן רינדער!

טיפער אונזער אַקער,
ברייטער דער פּאַרזיי!
די זין די רויטע היטן אונז,—
די העלדישע אַרמיי!

און אויב סע וועט זיך טרעפן,
אויב מע וועט באַדאַרפן,—
בייטן מיר דעם אַקער־קלונג
אַף אַ שווערד א שאַרפן!

טיפער אונזער אַקער,
ברייטער דעם פּאַרזיי!
מיט זין מיט רויטע גייען מיר,—
מיט העלדישער אַרמיי!

4. ל. קוויטקא

אַן ענטפער די סאָנים

ווי זון איז א זון און ווי ערד איז אַן ערד, —
באַלשעוויקעס צו זיין איז אונז אלע באַשערט.

מיר קאָנען אנטוויינען און האָבן אַנטוויינט —
די אייגענע שלאַנגען און פרעמדע שלענג.

נאָר הויבן שוין ווידער, די סאָנים, די קעפּ
אין גיפטיקער גלוסטונג נאָך שטעט און נאָך סטעפּ,

אין גיפטיקער גלוסטונג נאָך אונזער געביין —
איז הויבן מיר אויף אַנטקעגן א שטיין!

איז הויבן מיר אויף אונזער פלאמיקע לאַנד!
און אלע די הענט, — איין געפאנצערטע האַנט!

אויב סוינע איז סאם, איז טויטלעכסטער סאם, —
וועט אים צעטרייבן ווי רויך אונזער פלאם!

אויב זייערע קעפּ — פון שטאָל און געשטיין, —
וועלן זיי צעקראַכן אין אונזער געביין!

מיר זיינען קיין קנעכט, קיין דערוויילקע שיין, —
מיר זיינען געקומען אף אייביק צו זיין!

מיר זיינען געקומען און ווייסן די געננ,
מיר ווייסן וויזוי צו באַגעגענען שלענג!..

סאָנים

זיי מאַכן זיך שטיל און פאַרהאָרעוועט, שווער,
און דוקן זיך גנייוויש צו אונזער געווער.
זיי קלעפּן זיך אויף א שראַם אַף די העלזער,
נאָר טראַכטן זיך זייערס:
„מיר שטאַמען פון פעלזן...״

און פרעגט אַף באַלאָנעס:
— פון וואָס זעט איר אויס אַזוי גוט?
וועלן זיי זאָגן, די באַק זיך א גלעט טאָן: —
„פון הערלעכן לעבן בא אונז אין סאָוועטן!
זעען מיר אויס אַזוי גוט!..״

און טוט זיי אַ פרעג:
— וואָס רעדט איר מיט אונז אַזוי זיס?
זיי וועלן באַליידיקט פארקרומען די צורע:
„ס'אי מאָדנע... מיין קלאַס... דיקטאַטורע...״

אוי, וועט זיי טרעפן דער שלאַק!
זיי טראָגן אין בוזים א טאַיסטער, אַ האַק.
האָניק אַף ליפּן און פינגער באַגייסטערט: —
צו האַקן מיט האַק און צו לייגן אין טאַיסטער.
דאָס, וואָס דעראָבערט מיט שלאַכטן, געפאַרן,
ווילן זיי כיטרעדיק שטיל פאַרטאַכטאַרען. —
אוי, וועט זיי טרעפן דער שלאַק!

דעם דירעקטערס געדאנקען אף דער נאטור

ראַציאָנאַליזאַציע

1

דער דונער פּאַלט פאַמעלעך פון ווייטע טרעפּ.
אָן נוצן פאַר אונז, פאַלט ער,
אָן נוץ צעשפּאַלט זיך.
ער שלעפט קיין וואָגן ניט
און הייצט קיין קאַלעך־אויוונס,
פאַמעלעך פאַלט ער פון ווייטע טרעפּ.

אַף פעלדער־בעקנס ליגן וואָכנלאַנג סנאָפּעס, —
איבער וועמענס שולד?
אָט שלעפן אָקסן זיך אַ פּאָר:
גלייכגילטיקע ווײדלען
געדולדיק שלעפן אָקסן
אָקסישן געדולד.

דער צוקערניק, —
אומפאַרשטענדלעך: —
פאַר וועמען וויקלט ער אין עטיקעטלעך,
הילט אין טראַפּאַרעטלעך
די קליינע צוקערקעלעך נאכאַנאַנד? —

פאר אונז דען? פאר אונז?
מיר זיינען דערצו שוין איבערגעוואַקסן.

אָקסן שלעפּן אונזער לאַנד.
מירן אויסשפּאַנען די אָקסן.

„באַאָבאַכטונג"

2

דורכלויכט פון דעמבעס.
אַ קרעכץ־פויגל שרייט
און פליט צעיאָצט פון שפּיץ אף שפּיץ.
אונטן, אַמן גראָז,
דאָס פויגל־קינד זיצט.

באַם זייט—דער דירעקטער מיט אויגן טעמפּע,
„באַאָבאַכטעט" די פּאָר.
זיין קאָפּ, — אָן האָר,
אויערן — אויפגעשטעלטע שעלעכער,
ניט אַזוי שנעל
פרעגלט דאָ איבער זיין רויע פעל
די זון און די געלעכער.

די שפּאַקולן, —
זויבער־זויבערע:
(ווייל דעמבעס אָטעמען לייכטער פון קונדן,
לייכט און פעסט),
מוראַשקעס מיט זייער שנעלקייט צויבערן, —
אָ,
— פּאַר קוריערן זיי מאַכן
אין אַלפאַרבאנדישן פאַרמעסט...

פאַרנעמט ער דאָס געשריי פון קרעכץ־פויגל:
שטייט און „באַאָבאַכטעט"
און „אופדאַכטעט"
„באאָבאַכטעט" אַ האַלב מעסלעס.

צו א וואלדשפּאַצירער שרייט ער טעמפּיק
(סע העלפן אים אונטער די דעמבעס):

— ביטע, בירגער, גייט אין יענער זייט אַרויף,
אַ פויגעלע אַרויס פון נעסט.
די מוטער הויבט עס אויף,
איך באאָבאַכטע, ביטע,
שוין אַ האַלב מעסלעס...

דער וואַלד־שפּאַצירער פרעגט און היט זיך:
— אַ פויגל? ווי הייסט ער, דער פויגל?
ווענדט אָפּ דער דירעקטער די אויגן. —

נעמט ארויס פֿון טאַש אַן איי,
צעקלאַפּט, טרינקט אויס, א צווייט נעמט אַרויס.
און די פּאָרציע געענדיקט
צום נייעם שפּאַצירער געווענדט:
— בּיטע, שטיל,
איך באָאַבּאַכטע זיי...

באַגין

אין העלער לויטערקייט, אין העלער לויטערקייט,
די זון קלאַפּט אָן אין מיר,
מיין לייב, סע ענטפערט איר:
דין-דאָן.

פיזקולטורניקעס,
מיט נאקעט מאטעווען,
אין שטרענגער פארבן-שפיל, אַף סטאַדיאָן.

נאָך דאָרשטיק בענקעניש: —
באַפרייטע שיינקייטן,
מוסקול — אויפגעקניפּט, שטאָל — דער ביין!
נאָך קאמף און פלאָגעניש:
אַ קרעפטיק טאָגעניש,
א בראווער טאג
אַף יונגע ציין!

דאס יאר 1905

1

בין איך א קליינס נאך, א קנאפעלע,
נאָר פייערלעך טיאָכקען אין מיר טיאָך.

קום איך:
„פּאָטאַפּ, פּאָטאַפּעלע,
גיב פּראָקלאַמאַציעס א קאַפּעלע".

זאָגט ער:
„אינגעלע, גיי,
ביסט א ווערעוקל נאָך!"

אויב איך בין טאַקע א ווערעוקל,
שאַרף איך מיינע ציינדלעך, שאַרף.
קום איך:
„צייטל, צייטעלע,
גיב דאָך אַ פּעקל פאַרשפּרייטן מיר..."

זאָגט זי:
„אויערן, — וואַך, אויגן — שאַרף,
נאַ, צעוואַרף!"

2

טאָג אין נעפל,
אַלץ אין וואַרעמען נעפל.
ווער מיר שטיבלעך, בוג און בערגלעך און פאַראָם! —
פאַרטיק מיט ציקאָריע,
מיטן עפל. —
פאַק איך אין אַ קויש פאַפירן - פעקל,
פון אויבן שטשאַוועל - גראָז און טעפלעך,
און גיי מיר, גאָרניט,
גייט אַ אינגל זיך אַ טאַם...

פאָרט דורך א פויער מיט אַ גאַרע היי;
א צווייטער מיט א פירל שטיינער,
אַ דריטער פירט נאָר האַרצווייטיק אין ביינער,
באַ איינעמס פאַרקן שטייט אַ זאַק מיט שפענער,
באַם צווייטן אונטער סטריכע ליגט אין נעסט אַן איי.

זיינען אַלע גוט און ליב מיר,
גאַנווע איך זיך שטיל צו אַלע זיי
און לייג אין זאַק,
אין נעסט,
אין היי
די ליבע בלעטלעך, וואָס אין זיי געשריבן:
„ברידער, כאַווירים פון מי און נויט,
„גענוג געליטן! גענוג געשטיקט!"...

און איך האָב געזען:
איבער שטעט און דערפער הויבט זיך אויף אין רויס
אַ קלאָר־קלאָרער צוויק.
און אַן אויפשריפט רויט אַף אים:
„מיט גליק!".

3

טשאַדען די הימלען,
טשאַדען פארשלאָפענע
איבער די דערפער די שאָפּענע.
און קייסער שפּילט מיט אַ פליייט,
אַף דערפער און שליאַכן און שטעט.
גיסט זיך די פליייט איבער שאָפענע
דערפער און שליאַכן און שטעט:
קומען אָן ווינטערס:
מעסערס פון צאָפן־זייט;
זומערס, ווי וואונדן,
קומען און גיין.

קאָכט זיך אין דערפער באַ יעדן א טעפּעלע,
קאָכט זיך אין שטאָט באַ יעדן א טאָפּ.
זאָגט אָן פּאָטאָפּ:
„אַז איך ווארף נאָר דאָס עפּעלע,

מוזט איר זיך שטעלן קאָפּ צו קאָפּ!"
זאָגט אַן פּאָטאַפּ,
און פאַרקליידט גייט שוין צייטעלע
אין דערפער, אין שטעטלעך,
מיט פייער אין מויל —
פרוכטבאַרע טויען אַף יונגען גערעטעניש,
און ס׳פּאָלגן האַמוינים,
וואָס קינד באַפוילט!

4

מאַמע, לאָז מיך, מאַמע, גייען קיין אָדעס,
איך וויל אויכעט זעען ווי מע זינגט מאַרסעליעז,
ווי אַרבעטער אַף באַריקאַדן שטייען,
ווי דער האַפן שלאָגט די שוואַרצע מייע.

אַ קינד דאָרט, מאַמע,
וועט מען ניט צעטרעטן —
אַ קינד קאָן אויכעט העלפן שלעפּן ברעטער.
און ווייסט ניט, מאַמע,
אז די גאָרע וועלט
איז אלץ מיט אַרבעטער,
איז אלץ מיט אָרעמע,
זיי זיינען ברידער אונז,

פאַר איינס מיר שטורעמען —
מאמע, לאָז מיך, מאַמע, קיין אָדעס,
רעוואָלוציע שטייט אף הויכע פעסער,
גרויס און קליין:
אויפשטיין!
אויפשטיין!
גיין!..

5

שוואַרצע מייע און זשאַנדאַרמען און קאזאקן
האַקן איבער האלד־ און נאַקן,
ברענען דאָרף און שניידן שטעטל,
שינדן שטאָט.—
פאַרן קייסער,
פאַרן יאָך,
פאַרן גאָט.

האָט דער קייסער אונז געשיקט אַ מייע רייטער
די נאַהייקעלעך אף אונז באַנייען.
האָט צעלאָזט זיך מייע—
שווערדן בלויזע,
יאָגט דאָס שטעטל,
יאָגט דאָס דאָרף אין בלאָטע לויזער.
פון דער בלאָטע אינם בוג,

אין וואַסער,
הויבן אָרעמע די קעפּ אין גסיסע,
ווערן זיי צוריק געשטיפּט מיט שפּיזן.
הויבן אָרעמע אין שרעק די אויגן,
נאָר צוריק אין וואַסער
מוזן זיי זיך בויגן...

כ'האָב נאָך א פאָר גוטע יאָר

כ'האָב נאָך א פאָר גוטע,
יונגע יאָר!
פרייל֞עכקייט און סימכע פאַסט מיר נאָך!
מיידל֞עך מעסטן זייער של֞אַנקייט צו מיין שטאַל֞ט
און של֞ינגען מיינע רייד,
ווי הייסע שטיקל֞עך גינגאָלד.
אָן קאָפּווייטיק,
אָן צאָנווייטיק
און ל֞אַכל֞ותן אָן כאַל֞וימעס.

פאַר מייל֞ן־ווייט דערשמעק איך שוין אַ שטוב,
וואו געזונטע מי די קיכעס קוויקט,
וואו סע ראָשטשינעט מולטערס ברויט
מיט שטאָלצן ריר אַ יונגע פרוי,
איך דערקען פאַרל֞יבטע יוגנט אין די וויעס,
און רייעך פון יאָנטעוו אַף די ל֞יפּן פון מיין ווייב.

ווער זשע וועט זיך איינשטעלן
אַ פיסל֞ אונטערשטעלן?

אַז מע שפיל֞ט אין פאַנדעס,
און ס'ליגט אַ באַרג מיט רעגנבויגנס־מאַשקנס,
אַרום דעם באַרג:—

די ראָד פון יונגע שפּילער,
און מע רופט מיך אויס —
איז וואָס?
איך גיב א וואָרף מיין געזונט געלעכטער,
אָדער מיין פאַריין - בילעט,
אָדער גאָר מיט איינס אַ צי אַראָפּ —
מיין העמד פון לייב.

אַז סע שטיקט זיך פריינט אין דומפּעניש פון ווייטע שאַכטן,
אַז אַ מידער אַקסל בעט, —
אַ פרישער זאָל פאַרבייטן,
אַז מערידע פּאַקט אַ לאַנד,
און קעמפט מיט פייעריקן קאַם
אַנקעגן דער פאַרשטאַרטער וואָרסע —
הילכט עס אין מיר אָפּ מיט קייקלענדיקן הילך.

בין גרייט —
איך שטאַם פון שווערער האָרעוואַניע,
איך ברענג אַ דאָר א שטאַרקן,
וואָס שמיצן וועט די גרענעצן פון ערד, ווי פּאַרקנס,
וואָס לינדערן וועט אלע פּיינען,
ער גייט!

האַרבסט

בלאָטע, טיאָפּקענדיקער דרויסן,
סע קומט פון האַרבסט דער טונקלער אָל,
די פייערלעך פון זאַכן, פון גערוישן
ווערן שמעלער, ענגער.
געשלאָגן קלינגט דאס קאָל,
און קאָן צוריק קיין ווידערקאָל ניט ברענגען.

שליאַפּ. שליאַפּ.
איידלער שוך פון שטאָט
אַ שטיקל שטיינדל טאַפּט.
און רעגן אַף די ראָגן בייז איז,
ווינט אַ בייזער,
און קאַטער, דער קאַטער, דער שטאָטישער העלד,
פאַרפאַרעט די נעזער.

די שיך,
פאַרקיילעכדיקט פון בלאָטע,
ווי די טעץ,
טעלעפּן זיי אין קאַלטער נעץ . . .

נאָר ס'איז מיר ליב דער אָל פון האַרבסט,
סע פרייט מיין בלוט,
סע פרייט און קוויקט!

ווייל לאַנד מיינס,
לאָנד מיינס —
ברייטס און שטאַרקס —
נאָך הייסן שניט
זיך קילן דאַרף,
זיך גרייטן דארף
פאַר נייעם שאַרף,
פון הייסער זון און הייסן שניט!

שפּרינגט אָריבער שטאָט מיין אויג,
מיין ניכטער אויג,
צום פעלד, צום סטויג,
צום יונגן אישעוו,
צום ווייטן אייגנס,
צו גרויער זאָרג פון סטעפּעס האַרטע,
צו זאָרג פון פּויערים אויסגעדאַרטע,
וואָס לערנען איצט דעם טאָן פון רעגן,
צי ברענגט עס גוטס פאַר אונזערטוועגן,
אַף אַקער - פעלד,
אַף שטאָט,
אַף זאַמד,
אף מידבער־סטעפּ, וואָס ווערט א לאַנד!

דעם פויער

בייס, אייקער־אייזן, בייס.
וואָס טיפער איז בעסער.
טיף מוז מען פלאַנצן, זעצן
טיף די וואָרצלען, —
ווייל מיר זיינען ווינטיקע,
אומרואיקע שטאַמען.

אָפּגיין זאָל מען מיט שוויס,
הייס זאָל אונז אָפּברענען,
בייטן די פענעמער
פון שוואַכע אַף שטיינערנע.

אָפּשווענקען זאָל עס ביז ביין,
ביז מאַרך אין די ביינער, —
דאָס פּסולעס פון אונז!

בלייבן זאָל נאָר ווי א דינינקער ציטער
דער קערן פון אונזערע געמיטער. —
און זאָל מען דעם קערן פלאַנצן,
און ד ע ר זאָל עס זיין, —
פון וואס אונזער שטאַם זאָל צ ע ב ל י ע ן ב אַ נ י י ס!

אונזערע מאַמעס

אונזערע מאַמעס,
אמאָליקע מאַמעס,
וואָגלען די שאָטנס
אין קין־דאַלעדאַמעס.

כאַסענע־שאָען —
אין ווייס און אין ראָזן.
א קוילישל פלאמיקס —
דער יונגינקער כאָסן.

נאָר שאָען — פאַפירענע,
שאָען ווי נעפל,
אָנגעלייגט באַלד
דאָס פאַרטשמעליעטע קעפל.

יונגס און גרינס:
שוין ווייב, שוין דינסט...

היינט איז עס אַנדערש,
גאָר אַנדערע ליידן:
אַוועלכע באָכרים —
אזעלכע מיידן...

יאָוודאָכע

מע קלינגט פֿאַרשלאָפֿן אין ווייסן קלויסטער.
פֿויערטעס איילן.
טונקעלע קליידער און ווייסע פֿאַטשיילעס.

ווער א פּעקל סע טראגט,
אַ מאַטאָנע אין פֿויסטל,
אין באַיאָרטע לייבער — אַ מאקע אף צו היילן.

מע זעצט זיך דערווייל אף לאנגע טרעפּ.
דאָס דאַר געביין, —
וואָס אָן די אונטער־הויזן —
קוקט אַרויס
מיט בענקשאַפֿט נאָך אָוונטיקער לופֿט פֿון סטעפּ.
מע זיצט אַזוי,
ביז דריבנער ווערט דער בלויז
פֿון קלאַנג צו קלאַנג
און שטארקער ווערט דאס בילן פֿון די גלעקער.

אַ קלויסטער נאָך פֿאראן.
א גאלעך נאָך פֿאַראן, —
סע קומט אַרויס יאַוודאָכע פֿון איר הויז,
קומט אין קלויסטער און קוקט אין אלע עקן

צו דערקענען דאָ די זוינעס פון איר מאַן
און צו פאַרקלאָגן זיי און צו דערשרעקן...

יאַוודאָכע שלעפּט צום טייך דעם פּאַק מיט גרעט.
... אויך אין אומגערעטעניש געראָט,
קוראַי און בודיקעס
וואַקסן גלייך ווי עפּעס רעכטס: — הויך און ברייט.
באַם הימל בעט מען רעגן, נאָך,
צום קלויסטער קומען „זינדיקע",
די וועגן נאָך צעווייקטע און צעדרייט.
יאַוודאָכע שלעפּט צום טייך דעם פּאַק מיט גרעט.

דער פאַרטאָג — ווי מיר זיך וואונטשן —
פריי און פריש.
שלענגלען וואַכן אויף
באַ סאַמעטענע פּיסלעך פון קאַמיש.

יאַוודאכע קלאַפּט דאָס וועש אין שטיין און טאַינעט,
גלייך דער מאַן וואָלט דאָ דערבײַ זיין.
טאַינעט, שעלט און קלאַפּט דעם שטיין,
גלייך דאָס וואָלט דער מאַן געווען.

טאַינעט, שעלט אויך זיך אליין:
צו פערציק יאָר געגלוסט א מאַן.

געוואונען א קינד. א ווייטיק רייסט,
זי מיימעסט דעם שטיין, דעם שטיין, דעם מאַן.

דאס טייכל איז רו. די זון דערויף — ווייס.
א שיפל אף דעם —
גלייך א בוקעט.
אין שיפל א פישער,
דאס שיפל שווימט צו.
איר קרעפטיקער מאַן...
(א בענקעניש רייסט).
זי גלעט מיטן וועש דעם שטיין און זי גלעט:
— גיי,
טרינקען מיי
דו...

די ארבעטער וועגן קונסט

פון יענער זייט שטאָט,
פון יענער זייט בריק,
וואַרט דאָרט דער פרילינג
און האַלט זיך צוריק:

ס׳וויל זיך דער ווינטער מיט שטאָט ניט געזעגענען,
ס׳בויגט זיך דער בוים
און לייגט אָפּ דאס באגעגעניש,—
מיטן פרילינג מיטן שיינעם.
א שרייבער גייט אין פאבריק
פאַר אַרבעטער לייענען.

* * *

אף די הויכע קאָרפּוסן
איז די זון צעקלעפּט.
אין דינאַמאָ-מויכעס
נערוון-דראָט מע וועבט.
דאָ אַרבעט מען, דאָ שאַפט מען,
פון העכסטער קונסט די ווערק.
די ארבעטער, די קינסטלער
אָנגעשטרענגט, פאַרקלערט.

אזויפיל ארבעטער, נאָכן ארבעטסטאָג
בלייבן הערן!
פארוואָס ניט אהיימגיין צום ווייב און צום קינד
נאָכן טאָג נאָכן שווערן?

זיי זיצן ערנסטע שטייף און אָנגעשטרענגט,
און שטייען ווי בא מאַשינען: —
שלינגען די ווערטער,
כאַפּן דעם אינהאַלט.

„מיר זיינען דער פּראָלעטאריאט,
„דאס אויבערשטע פון שטויסל,
„איך זאג עס פּראָסט און גלאַט. —
„א ליד איז ווי א שמויסל!"

* * *

וואַרט מען, וואַרט מען אויס. —
אַן אַרבעטער טרעט ארויס.
זיין קאָל איז האַרט און וואַרפט מיט שטאָלענע פלעצל:

„כ'פאַרשטיי ניט, וואס גיט מען אונז שטרוי,
„מאָני מיט בולקע, ווי קעצלעך.

„ווער דאַרף היינט א פלאטשיקע ליד,
„וואס שווערט זיך אינדרייען געבויגן.
„זי האט עפּשער מאַילעס פאר זיך,
„נאָר וויטער פון איר אונזער אויג איז!

„מיר האבן געוואונען דעם קריג?
„נו, יאָ.
„אונזער בלוט איז אף יעדער שפּאַן דאָ.—
„איצט דינט די קאָנטאָר דער פאבריק,
„ניט די פאבריק דער קאָנטאָר!—
פאַרשטאַנען?

„ס'איז אונזערס די אויצרעס פון לאַנד?
„ס'איז אונזערס פון וועלט די געשיכטע?
„איז וואס זשע געשעען,
„מיט וואָס פאַר אַ רעכט
„שיקן אונז שיקט מען די ערגערע קונסט?
„די שוואַכערע, פּראָסטערע דיכטונג?

„מיר האבן דאס העכסטע דערגרייכט,—
„מיר קענען דאס העכסטע פארדייען!"

אין דער לערע

צו אַלדע גוטע יאָר, — מע האט קיין צייט ניט!
פון אַלע זייטן רייסט
מיט אומגעדולד דער טאג.
א מאָנטיק שפּרינגט ארויס,
סע שפּרינגט אריין א פרייטיק,
און אַלעמען באַזאָרג, און אַלעמען דעריאָג.

מע קאָן ניט,
אוי, מע קאָן קיין רעגעלע ניט וואַרטן,
די דלאָניעס בייסן זיך,
סע צוקט אין קני:
אט דאָ וועט די פאבריק זיין —
דערווייל נאָך שטעקט א פּאַרקן, —
און דאָ וואו דערנער וואַקסן,
וועט וויינשטאָק בליִ'ן.

מ'איז פול מיט אומגעדולד, מיט אומגעדולד אף ריישן:
— ר־ר־ר־ר — טרייבט מיך טרייב־ראָד:
— רירעוודיקער ריר! —
ווער האט צייט אף וואַרטעניש און געגנעניש און וועגן,
אז טאָן, טאָן, טאָן,
מיט שווערן האָניק טריפט!

באַנאַכט.—

באנאכט איך הער זיך איין אין קלינגען פון פורגאָנעס,
ס'קלינגט דאָס יונג-טשוהון אין נאַכט אף שטיין:—
„געדולדיק האָבן מיר דאָס דאָרף-גוטס
„פאַרלאָדן אין וואַגאָנעס,
„געדולדיק איצט מיט שטאָט-גוטס פאָרן מיר אַהיים".

ליג איך לאַנג די נאַכט,— אף לאנג טשוהון צו הערן,
און שטייען שטיי איך אויף — כ'האב עפּעס גוטס געלערנט:

געדולד, געדולד,
געדולדיק זיין — אריינצובויען געזונטע מאַרכן,
אין אונזער וואָכיקייט אין אונזער גרונט!

בּיקלעך

זי האט געפּאַשעט אירע בּיקלעך,
און זיך יאַשטשערקעס געפאַנגען, —
און די בּיקלעך, אוי, די בּיקלעך,
זיינען ערגעץ וואו פאַרגאנגען.

גייט איר נאָך דער ווילדער יאָסקע,
אין די אָזעסדיקע בּרויטן, —
פאַר די בּיקלעך, פאַר די בּיקלעך, —
וועט דער טאַטע וועלן טויטן.

און זי גייט און ער נאָך אונטן,
אָוונט פאַלט אַף פעלד און כאַטעס, —
און סע טוט אין אים אַ סאַרפּע,
און א בּרי אים אין די פּיאַטעס.

און זי פירט אים ווייטער, ווייטער,
און זי וויגט אין גאַנג די אַקסל,
יאָסקען דאַכט: זי איז א שייטער,
און דער שייטער ווערט צעוואַקסן.

יאָסקען דאַכט, אַז אָט פאַרכאַפּט אים,
אָט־אָט כאַלט ער אינם שייטער,

סע צעפּלאַמט אים, סע צעשטראַלט אים,
סע פאַרגאנצט אים, סע צעבייט אים.

און ער כאַפּט אַרום דאָס מיידל —
און מיט פייער־ווערטער שטיקט זיך:
„טויזנט, טויזנט וועל איך געבן!
„אָ, דיין טאַטן טויזנט ביקלעך!"

קליפקע

קום שוין גיכער,
קליפּקע מײַנע, —
בײַ דעם סטויג דאָרט
אין דער נידער. —
וואָס, דײַן הערשל?
ניט זײַן אײַסעק!
וואָס זשע, זאָג,
ער מישט זיך ווידער?

כ׳וועל אים, זאָג,
דעם קאָפּ פאַרבונדן
מיט א זעקל, —
מעגסט אים זאָגן —
און אין לײַענשטוב
זײַנע רעדעס
וועל איך שטענדיק איבערשלאָגן.

אָט אַזאַ מין פּיפּערנאָטער,
זאָל ער זיך פאַר דיר ניט זאָרגן!
קאָנסט אַלײן זיך נאָך באַדרײען
אָן אים הײַנט
און אָן אים מאָרגן!

קום שוין גיכער,
קליפקע מיינע,
מיט די פיסלעך די פאַרבּרענטע,
כ׳האָב אַ נייס דיר צו דערציילן,
נאָך אַ מאַיסע אַ בּעלענדע.

פון אַן אָקס מיטן זיבּן גריוועס,
פון אַ וועווריק מיט אַ האָרן,
ווי פון בּיידע זיינען קליפּקעס
קליפּקעס, פונקט ווי דו, געוואָרן!

אוי, זאָלסט זעען ווי זיי נאַרן,
ווי זיי ווינקען, ווי זיי רייצן...
נאָר איך זאָג זיי:
ניין, איך וואַרט דאָ,
אָט־אָ קומט זי,
אָט־אָ גייט זי...

צווייטער טייל

ס. ל. קוויטקא

די וועגן-קענער

„זיי רייזן ארום פון מאַירעוו
קיין מיזרעך און פין מיזרעך קיין
מאַירעוו אף דער יאַבאָשע און אף
די יאַמים".

באקאַנטשאפט

סע טראָגט מיך אום דער שוואַרצער יאָר!

אין בין באַ פרעמדע גרעניצן.
אין פוילישן, אין וויסטן קאָרידאָר
זעט מען ניט אין טונקלקייט די פייניצער.

א האַנט זוכט אָפּ אין טונקלקייט
מיין האנט און פעסט זי דריקט.
אומגעריכטע, ווייסלעכע פון בליק,
אומבאַקאַנטע ציין צעפינקלען זיך.

מיר האבן נעכטן שוין באגעגנט זיך,
אין פוילישן ראַזוועדקע־קאָנסולאַט.
געשטאָכן האט אונזביידע דאָרט א פרעגעניש:
ווער איז מען און וואָס איז מען און וואָס גלאַט.

א נעגער איז ער און זיין צונג די נעגערשע,
זי לייגט זיך שווער אף וויטנס שפּראַך,
וואס הייסט עס ווער מע איז?

וואס אידעס פאַר א פרעגעניש? —
מע פאָרט, מע זוכט אַן ארבעט און א דאַך.

און ווידער איצט באגעגנט זיך,
סע טוט א צי, א נאָג ווי צו א פריינט.
זיין פּאָנעם שיינט און באם געזעגענען
ער פרעגט, צי האב איך א געלעגער שוין
אין פרעמדער שטאָט אף היינט.

בערלין, מיר בייטן מיט די נעמען זיך,
סע קניפּט א קניפּ די פריינטשאפט שטילערהייט.
די פרעמד הויבט אויף אף אונז די בייזע ברעמענער,
און דער טראַמוואַי צעשיידט...

האמבורג, אָקטיאבר 1923

ס'וועט פאַלן אף א גאַס מיין קאָפּ,
ס'וועט מיין פריילעך בלוט
ניט טאָן קיין איין געשריי: —
אַף בארנבעקער * באַריקאַדן
שלאָגט זיך אונזער בלוט מיט פאליציי!

איך פיל, איך פיל פון מויל,
פון שטערן מיינעם, —
ווי ליבע שטראַלט צו מענטש —
כאַווײרים!
פאר וועלט, פאַר ארבעטער, —
ברעכט דעם פיינט דעם פארענטש!

אָך, ווי הויך דערהויבן
אונזערע ווייב און קינדער! —
העכער פון וואַסער און ברויט,
פון סאַקאָנע און ווינטן —
קוקן זיי ליכטיק אַראָפּ:
מיר פלאָנטען געשלעגן.
וואוהין ס'פאַלט זייער ליכט —
ווערן דעם סוינע געשניטן די וועגן!

* ארבעטער - פארשטאט

ווען כ׳קוק אף די שטערן...

ווען כ׳קוק אף די שטערן,
אין ווייט, אין טיף אין פרעמדער —
דאַכט זיך מיר אַמאָל:
אַן אוראַלטער, פאַמעלעכער,
שטאָק־אַלטער ווינט, —
שיט און שפרייט אַ שווערן מידבער־זאַמד,
אַ וואָלקן —
אף לאַנד און שטעט. —
די וועגן פריילעכע — באַגראָבן,
מויכעס אָפענע — געשלאָסן.
און אַלטע פאָטערס רואיק שוין,
וואָס קינדער פאָלגן ניט.
און מוטערס אַלטע, אפגעוואוינט זיך,
שמועסן מיט זיך פירן.
און צאָרעס ווערן נישטיק,
פונקט ווי פליגן,
און פריידן ווערן נימעס,
פונקט ווי מוקן.
און שפראָץ־פיפקעלעך,
די גרינינקע אף פלאַנצן —
ווי אָפגענומען מיט דער האַנט.
טאָלן אויפגעהויבן גלייך מיט בערג,

א רויטער נעפּלדיקער מידבּער —
די קיילעכדיקע ערד.

אין רויטן נעפּל שלעפּן אום זיך
לאַנגע גרויע צויגן,
אומגעהויער לאַנגע,
אומגעהויער גרויע,
לאָזן אָפּ פון זיך א שלעכטן רייעך.
נאָך זיי: — הינטלעך,
הערדעסווייז, צעשויבערט,
הינטלעך, —
אָ, פיל מערער, ווי די צויגנס אייטערס!
גאָר אָן אויגלעך,
נעזלעך שוואַרצע, פייכטלעכע,
גאַרנדיקע, זשעדנע.

און מיר,
אין רויטן מידבּער - נעפּל —
אַן אָנגעשראָקן קליינע מאַכנע,
מיט צעשמיסענע געצעלטן,
א פּאכאד אָפּענער,
אַ בייזע מוירע,
וואָס קאָן פון הימל קומען
פון יעדער קער און ווענד דער וועלטס, —
אף אונז, אַף אונז.

מיר אַלע האָבן דאפקע געטלעך,
נאָר אָנגעשראָקענע,
האָבן מיר פאַרוויקלט זיי,
באַהאַלטן זיי אין טעפּ,
און שעמען זיך
צו דינען זיי, צו בעטן...

ווי שטאַרק און קלאָר...

ווי שטאַרק און קלאָר ס'ווערט אָנגערופן
זון, ערד.
אַזוי, ניט אַנדערש, ווער אָנגערופן איך, ווי זיי —
מענטש.

יאָ,
אין די ביינער-נעסטן פון מיין פּאָנעם —
לעבן אויגן,
א מויעך איינגעוואָרצלט אין מיין שאַרבן;
ס'האַרץ אף זיין אָרט;
מיינע פיס, ווי זייערע, קאָנען שפּאַנען
באַרג ארויף און באַרג אַראָפּ.
פאַרוואָס זשע מעסטן זיי מיך יעדער רעגע,
שאַרף אַזוי,
מיט זייער גאַנצן פּאָנעם-אויג?

איז וואָס? —
האָט מיין טאַטע איבערקערט
אַ לאָגל וואַסער
אף דער ערד?
האָבן זיך דאָך אַלע דארט פּאָליוסקעט!
און איצטער איך —
לייג איך דען ניט מעכטיק קלאַפּטער

גלייך מיט זיי:
צום ברעג, צום ברעג!
און כלינע ניט,
פאַרכלינע ניט מיין אָטעם?

פאַרוואָס זשע גרויסן זיי זיך איבער מיר,
און פרעמדן זיך,
נעמען דורך מיט זייער קרומען פּאָנעם-אויג?

און עפשער נאָר דערפאַר,
וואָס כ'בין באַם אַלטן טאַטן מיינעם,
נאָך אַ אינגל,
גאָר דער קלענטסטער,
פון זיין טיש און פון זיין סייפער
יונגערהייט אוועק זיך קלאַפּטערן צו ווייטע ברעגעס,—
דעריבער, עפשער, אַרט מיך מערער,
אַרט מיך ביז דער לעבער
זייער מעסטן מיך און מעסטן!
סע קרענקט מיך,
אַז זיי מוטיען מיר מיין שטילע שטאַרקע ליבע,
און ברענגען מיך אַרויס
צו אָפּט, צו אָפּט —
אַף דער אַלטער סינע-גאַס צוריק.

ווען זאָלן וויסן,
ווי כ'האב ליב „אבישג השונמית" —

!אַז מיר קומען שעמעוודיק אינאָוונט זיך צונויף
זי גיט מיר ציטעריק איר הענטל, —
פעל איך אויס צו קוקן איר אין אויגן,
כ'שעם זיך,
א ווייטיק זייער דארט דעם מיילעך טרעפן...
און אין פאַרטאָגן גיט מיין האַרץ זיך אָפּ צו יונגער כאָכמע.
זאָלן ויסן, ווי כ'קוועל אָן, אשטייגער,
ווי ס'איז פול מיין האַרץ מיט גוטסקייט,
ווען כ'זיץ גאַנץ שטיל,
אַף אלע פיר,
ווייט, באַ יענעם דייטשן מאַן,
וואָס האט די ערשטע שריפט
מיט טעמפער דאָלעטע געפורעמט.
דערנאָך זיין טרוים געזעען שוועבן,
זיין טרוים דעם איינזאַם פריילעכן
אין שורעס־הירשן הערנערדיקע,
!שטאַרקע

איינער א האַרבסט...

1

איינער א האַרבסט האט געוואַרט אף מיר, —
און מיך אוועקגעפירט פון מיינע שטעט.

מיין איינגלשן קריג ניט פאַרענדיקט,
ניט שלאָפן באַלייגט מיינע טויבן,
דאָס וואָרט ניט געזאָגט מיינע מיידלעך,
ס'געפייערט, געכאָוועטע וואָרט.

איינער א הארבסט האָט געוואַרט אף מיר, —
און מיך אַוועקגעפירט פון מיינע שטעט.
ס'אַ ווייטיק אויסצובערענגען מיינע טעג
אין דער פרעמד! —

כ'שעם זיך גאָר
מיט פיירעס צייטיקע, מיין יוגנט. —
כ'שיט זיי אויס,
ווי שאָלעכץ נישטיקן
אף פרעמדן פלאַץ,
און שרעק זיך —
ס'קילט און קילט אין האַרץ.

קומט מיר טאַקע פֿאַר די אויגן,
ס'יונגע קאַלב אַף פֿרעמדן, פֿיינטלעכן יאַריד.
בייטשן קוויטשיקע און ביינער־פֿינגער
איבער קאַלב —
איבער נאַקעט, וואַרעם קאַלב.

שפּיל איך זיך אין צימער
אין דער פֿרעמד.
אָט מאַך איך מיר אַ וועלט:
אָט, אַ הימל קלייניניקער,
האַלב־אָנגעמערקט לעוואָנעכל.
איין בוימעלע, איין בוימעלע —
אַ גרינס.
שלאָגט זיך אָן מיין האַרץ אַף דעם,
הענגט זיך אָן —
און רוט אַף דעם...

2

נאָך דער הימלשער אגאָלע
ווייס איך וואו עס שטייט מיין היים —
פּונקט אנטקעגן די רעדער אונטערשטע
שטייט מיין שטיבל אַף דער וועלט.
באַם הינטערשטן פֿענצטערל —
ציט זיך דאס טייכל,
באַם פֿאָדערשטן ווענטל —

די קייט פונם הונט.
אין אונטערשטן פענצטערל —
פינקלט דער זון־באַרג,
אין קליינינקן קיכל —
ציקאָריע זיך קאָכט.

3

פלעגן וואונדער־פּאַרטאָגן
מיר קומען צום כאָלעם
און מורמלען:
„וועסט אונטערוואַקסן,
„זיך אָנטרינקען ציקאָריע, —
„וועסטו אוועקגיין מיט אונז.
„וואו מירן זיך שטעלן —
„וועסטו אויך.
„וואו מירן זיך פרייען, —
„וועסטו אויך.
„וואו מירן גייען, —
„וועסטו אויך".

4

איצט קען איך די פּאַרטאָגן
ניט דעריאָגן —

מיך שלעפּט אַראָפּ די פרעמד!
און ווען איך טרעף זיי אָן אמאָל —
טרינקט זיי אויס די פרעמד.
די פרעמד ביז בלוט, קאַלטבלוטיקע,
ווי גומען טעמפּ איר לופט!

דער אַרבעטסלאָזער און זיין מאַמע

1

כלינעט אין בלוט דאס לויטער געטראַנק,
די לופט פון פרילינג נייעם.
צום דרייסיקסטן מאָל שוין באַנייט זיך
די ערד פאַר מיר אין גרין געזאַנג.

דעם קאַמף פארשפילט,
צום נאָענטסטן זיך גרייטן,
„ס. ד.״* רייסט אונטער יעדן שטרייק.
כ'וואָלט אין דאָרף געגאַן דערוויילן דאָרט עמער לייטן—
האב איך שוין אויפגעגעסן מיין געצייג.

פאָר איך זוכן,
ס'איז גוט צו פאָרן,
דעם אויג איז גוט צו שלינגען ווייטן,
מענטשן,
מערק.
אָט עפשער טרעף איך אין וואַגאָן
א פרוי אין יונגע יאָרן,
וואס זאָל מיין לעבן טראָגן איבער בערג.

טרעף איך אין וואַגאָן אין איינעם
מיין מאַמע אין צעפליקטן מאַנטל זיצט.

*) סאציאל - דעמאקראטן.

דרימלט,
בויגט דאס פּאָנים אירס, דאס געלע,
און זון איין גרויסן אויער אירן פּאַרעט,
היצט.

רייסט דאס האַרץ מיר יעדער זיפץ דער מאַמעס,
אף ברוסט איר באָמבלט זיך דאס שילדל:
„טויב".
אלט, דערשלאָגן, דרימלט זי אף פרעמדער פּלייצע,
א נויג, א הויב.

— מאמע מיינע, ווי ז׳מיר,
וואס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך טאָן?
— גאָרניט, קינד מיינס, גאָרניט, קינד מיינס,
גיי דיין וועג דיר, גיי, מיין זון...

2

גיי איך אזוי אין דער גרויסער שטאָט,
גיי איך פאַרביי א בעקעריי,
זע איך: מיין מאַמע שטייט זיך דאָרט
און קייט א וואָלוול נאַשעריי.

פון ערגעץ שלעפּט זי זיך קיין ערגעץ,
פאַרשוויצט, פאַרטויבט.—

געפּוצטע קוינעם קומען, געפּוצטע קוינעם גייען.
און טאָרטן רייכע לאַכן דורך דער שויב.

איז מיר א בושע,
איז מיר א ווייטיק:—
היימלאָז די מאמע און גרוי איז ווי ליים,
אוי, אזא בושע,
אוי, אזא ווייטיק,—
זי האט ניט קיין היים,
און זי וויל ניט קיין היים...

3

אינמיטן שטאָט שפּילט א באַסיין,
רוען שיפלעך און שוואנען מיט פּארלייגטע קעפּ.
ס'איז וואַסער, ווי זון,
און זון, ווי וואַסער, ריין.
טיפע ליטערקייט, אָן וואָלקנס,
אָן טרעפּ.

איך און מיין מאַמע שעפּן לופט,
מאַכן די אויגן צו ווי די שוואנען.
ליטערקייט וויגט אונז איין אין רו:
א טויב מיט א טייבל אף שפּיצן פון טאנען.

א שׂאָרף אין לופט,
א שרומפּ אין וואַסער,
די מאמע זאגט:
„אוי ווײ, סע שטינקט!“—
צוויי בורזשויען גייען,
צוויי גראָבע בייכער,
אויך איין בורזשוי גענוג שוין שטינקט.

4

גייען מיר הינטערן שטאָט,
אין מיסטיקן גראָז.
אָרעמע לייט זוכן דאָרט שמאַטעס און גלאָז
און אַרבעטלאָזע ליגן צום וועג מיט די רוקנס.
ראַשיקע צוגן מיט סאָכרים יאָגן פארבײ,
די פענעמער פעט,
די וואַגאָנעס נײ.
אָרעמע לייט הערן אויף זוכן און קוקן,—
און אַרבעטסלאָזע כאָוועז אויס האַס,
כאָוועז אויס האַס
און ליגן צו זיי מיטן רוקן...

אין פרעמדער שטאָט

א פרעמדע שטאָט.
בין דאָ ניט פרעמד,
כאָטש בין דאָ נאָר א האַלבע שאָ.
טראָגט מען אין די הויזן דאָ דאס העמד,
ניט ווי בײַ אונז, — איז וואָס?

כ'בין א שאָליאַך פון שטערנס און פּאָנען,
האט מען מיך געשיקט אט אהער — בין איך א היגער.
קוקן ארבעטער מיר גלייך אין פּאָנים —
ברידער.

דער סוינע ליאַרעמט דאָ,
סוינע „אָד"ט,
סוינע קלויבט היינט אויס א נייעם פּרעזידענט —

... די לענדער ווי די קעסלען וועלן מיר אין סאַמע קאָך
א נעם טאָן אף די אויסגעפּרואוווטע הענט.

איך מוז זיין שטיל, שטיל געהיים, —
מע לאָקערט דאָ נאָך מיין געביין.
נאָר מיין שאָטן איז מיין כיטרער נאַר:
ער טראָגט א האַרטן הוט
צילינדעראַרטיק,
און טופליעס — לאַק,

און זאָקן צאַרטע,
און היט דערמיט מיך אויס פון א געפאַר.

... פייקלעך טראַמבלען,
טראַמבלען,
טריט אין טאַקט,
טריט אין טאַקט.—
קינדער מיט א רויטן פלאַג?!
אף די העלזולעך טיכלעך באַמבלען?!

זיינען דאָס דאָך מיינע, מיין,—
נעמט זשע קינדער מיך אריין.
קינדער, קינדער נעמט מיך מיט!
זאָגט מיין שאָטן:
„באָכער, צסיט.
„קוק און שווייג.
„פונוויטנס,— שטיין,
„דעק מיט ליפּן צו די ציין...“

בערלינער אידן־בערזע

כ'הער אייך דאָ און קוק אייך אָן,
ווי בייכער בערזעוועו א קאָן,
ווי צאַלן געדוקען זיך און רייבן,—
כ'מוז א בריוועלע מיין מאַמען שרייבן.

— מאַמע מיין,
אוי, מאַמע מיין,
וואס האָסטו אונז געבוירן,
אונזער בליק געגעבן שיין,
און געזויגט אונז און געשוירן?

וואס האסטו אונז פון קליינערהייט,
פון קליינערהייט די נעגל ניט געשטאָלט,
געטעסעט,
דעם האַס אין גיפט ניט אויסגעווייקט,
און ניט געלערנט מיטן פרעסל פרעסן!?
אף די דיקע, דיקע פאַלדן
מיטן הייסן פרעסל דורכצוגיין.
מאַמע מיין,
אוי, מאַמע מיין,—
און וואו מע מוז און וואו מע דאַרף
דאָרט מיטן פרעסל בלייבן שטיין?!

דער ערשטער גרוס

מיר זיינען אין האַפן פאַרטאָן אַפן ברעג.
מע זעט אים, דעם הונגער, אף אונזערע וויעס,
צוגלופטן ציען פון ביינער דאס כיעס.
און לעשן דעם שוייס און די הויטן צעדרעשן,
נאָר צוגלופטן קענען דעם הונגער ניט לעשן.

פלוצים, בא שופנס, פון עק צו אַן עק,
טרעטן די אַרבעטער אָפּ פון די פעק,
שטרעקן די העלזער צום וואַסער געווענדעט,
זשמורען די אויגן, ווי עפּעס וואָלט בלענדן.

שמאָל איז דער וואַסער־וועג, טונקל און טריפיק.
סע שטייען אין ריי אָקעאַנישע שיפן.
א ריז בא א ריז אָקעאַנישע שטעט,
דאָס וואַסער אַרום איז געדיכט און איז פעט.

נאָר דאָרט, וואוהין מע קוקט, איז דאָרט ליידיק דער רוים.
כוץ דאָרט א שיפל, וואָס גענזלט זיך קוים.
איז וואָס זשע געשען דאָרט, איז וואָס זשע דאָרט פאָרט,
איז וואָס האט צערודערט דעם מעכטיקן פאָרט?
וואָס האט די אַרבעטער גלייך ווי פאַרשטיינט? —
אז זעען נאָר זעט מען דאָס שיפל, דאָס קליינס,
סע גענזלט זיך נעוונטער בעריעש אַריין.

זאָל עס דער וואונדער דאָס שיפעלע זיין?
דאָס שיפעלע אָרעמס, וואָס שטעלט זיך אַוועק,
און טוט זיך א בינד אינם דייטשישן ברעג?

באַלד מיטאַמאָל אַפן שיפל אַף קליינס,
ציט זיך אַרויפעט א פענדעלע איינס.
אומגערעכט טוט מיטן האַפן א קאָך,
א היכץ און א ברום א דריימאָליקער „האָך!"

אויפגעריכט ווערן די הערצער און גראמער,
א גרוס שרייט דאס פענדל מיט סערפּ און מיט האַמער,
א גרוס און א רוף — צו מוט און געראַנגל:
ברידער, מיר וועלן צו אונזערס דערלאַנגען!

די שיפן דעם סוינעס, די מעכטיקע ריזן,
זיי זעען די פרייד און סע שטעכט, סע פארדריסט זיי:
זיין וועט געשלעג אַף די שיפן — די שטעט,
דאס וואַסער אַרום איז געדיכט און איז פעט...

קאַפע „גאָלדענער פּראַק“

ווײַכערט דזשאַז־באַנד: שערבלעך, בלעך,
שטיקער פעל און שויבן־בראָך. —
בײַ די פּיין־סערווירטע טישלעך
טרינקען טריפּערס גראָג.

טריפּערס אין האַלבאָשע רײַכער,
שמײַכל אָף די געזוער קראַצט: —
אַלע זײַנען מיר פאַרשאַנקערט,
דזשאַז־באַנד, דזשאַז־באַנד, דזשאַז!

טענצלט סיפיליס, דער הערשער,
דורך און דורך און דורך — פויל.
קיצלט פאָקסטראָט מאַקע אין מאַקע,
מויל אין מויל.

מורמלט סיפיליס דער הערשער:
„זיסעס קינד, דו מיידל מײַנס,
„ליבע שמעקט פון אַלע בעטן
„ס'רופט מײַן האַרץ דאָס הערצל דײַנס!

„קענסט ניט קליינס מײַנס זיך פאַרהיטן,
„פריער, שפּעטער, אַלצײַנס. —

„אַלע ליבעס זיינען מיינע.
„אַלע מיידלעך, ביז צו איינס.

„יעדנס לייב איז ברודלעך, ס'מאַכט ניט,
„לאַכן לערנט יעדנס מויל.
אַזוי הויבט יעדער מיידל אָנ'עט:
דזשאַז־באַנד, דזשאַז־באַנד, הויל און פויל!"

היפּאָדראָם

היפּאָדראָם אין קעלער,
בויגט מען איין די פּלייצע,
דאָ די פערדלעך קלענער,
מיידלעך פיל צעקנייטשטער.

פערדלעך העצקען אָפּ דעם קאָן
און בעטלען ביר בא טישלעך,—
מיידלעך ווייסן פון קיין ליבע,
פערדלעך ווייסן פון קיין דישלעס.

כאָפּטעס מיידלעך,
יונגען, יונגען,—
אַף די באַקן — הונגער,
פלעקן — אַף די נעזער,
פעסט פרעסט די לונגען,
קרענק טרינקט מען פון די העלע גלעזער.

קומען אָן צוויי יאָלדן רייכע,
פייגע יונגעלייטלעך,
מיסן זיך צום טישל זעצן,
מיסן זיך צו רייטן.

א מיידל, אויסגעדרייט צום וואַנט דאָס פּאָנעם,
און די אַקסלען שלוכצן ביטער,

לעבן איר א מיידל־קינד, וואס טאָרעט זי:
„מוטער!.. מוטער!..״

יאָלדן רייכע זשמורען פיין די אויגן: —
„אינטערעסאַנט!״
און קרומען פיין די פרעסער.—
טוט א כאַפּ זיך אויף א יונג
(אונטערגעהאקטע אויגן, אָן א האנט),
קרומט די יאָלדן איבער:
„אינטערעסאַנט,
„אינטערעסאַנט!!״

און סע טוט א בליץ א מעסער...

די קליינע מאי

אוי, אומעטיק, אוי, אומעטיק, —
וואַרט די קליינע מאַי
אין קרייז לאַמטערן־שיין.

אויסלענדער און אינלענדער
און רייזנדע און וואַנדערער
גייען ארויס, אריין,
און נעמען ניט די מאַי.

אומעטיק און שאָטנדיק,
סע קומט ארויס איר פאָטערל
און שמעלט זיך לעבן מאַי,
פאַרפירט א פלאַפלעריי.

אומעטיק און זוינעדיק, —
אַן אויסגעפוצטער קוינע קומט,
און גייט אַוועק מיט מאַי...

איר פאָטער גייט פארביי...

אָפּן באַרקאַס דורך עלערהאלצער שלוז

די עלטערע ארבעטער, —
רויכיק און געל,
די אינגערע שרייען מיט ווערטלעך זיך איבער,
געענדיקט די אַרבעט,
מיר פאָרן אַהיים,
צום שטאָט - ברעג אריבער.

עלטערע אַרבעטער רויכערן טריבע. —
שלאָגן צונויף זיך באַרקאַסן באַם שלוז.
אינגערע ארבעטער טרייבן שטוס.

סע עפנט זיך שלוז, —
מע טוט זיך א יאָג,
אַנטלויפן וואס גיכער פון נימעסן טאָג.
באַרקאַס נאָך באַרקאַס,
אין קאַנאַל צווישן ברעגן —
צום וואָלוועלן זופּ און צום קאַלטן געלעגער.

אף אונזערן אָנקום דעם מידן,
אף ברעג,
וואַרטן די פרויען,
וואַרטן געליבטע. —
די אינגערע וואַרפן מיט ווערטלעך זיך איבער.
די עלטערע פרויען:
צעשרויפט און פאַרקלעקט...

„ווילאגארצי״

די שיינע „ווילאגארצי״, וואָס ברענגט די אָקסן־פעל פון פּאַראַגוואַי,
זי זאָל מיך מיטנעמען,
כ׳בעט מיך מיטנעמען קיין פּאַראַגוואַי!..

כ׳קאָן ניט קעמען דאָ
דעם קאָפּ צעבאָרשטעטן דער שטאָטס,
יעדן פרישן טאָג זופן טערפּקע קוואַס פון צייטונג;
כ׳קאָן ניט זען די פעט־געבייכערטע,
איך קאָן ניט, —
כ׳וויל ניט האָדעווען און האָדעווען מיין האַס!

פּאַראַגוואַי! —
וואו שטעקסטו ערגעץ מיט די טשערעדעס גוטע פעל!
פּאַראַגוואַי!
כ׳וועל דיך ריין מאַכן פון גערבן און מונדירן,
פּאַראַגוואַי! —
כ׳וועל זיין ווי רעגן אף דיין פּאַשע
כ׳וועל אויסציקלען מיט האָפענונג דער איידלסטער —
מיין בולאַווע, —
און אָפּהיטן די טשערעדעס מיט איר,
אָפּהיטן פון יעדן סויכער,
פון יעדן סויכער,
וואָס רייט אַף בופלאַקס גאָלדענעם צו דיר!

אַף שיף „קאַפּ־נאָרט"

... אָ, דער ווייסער דריקט אונז,
אָ, דער ווייסער שטיקט אונז,
בויגט אונז ביז דער ערד.
(פון א קאפערש פאָלקס־ליד).

* * *

איינמאָל באַקום איך קיין האַמבורג
אַ בריוו פון אַ ברעג אָקעאַן.
כ'האָב אַף א שיף א באַקאַנטן, —
מיין שוואַרצער איז דאָרטן פאַראַן.
שוין לאַנג מיט בערלין האט צעשיידט זיך, —
איז אומדערוואַרט קריג איך אַ בריוו:

„זיי וויסן, מע רופט מיך קיין מאָסקווע,
דערוויס זיך, ווען גייט הין אַ שיף.
סע טוען מיר ווי איצט די אויגן...
דערוואַרט מיך און העלף מיר, איך בעט...
רייד איבער, און זאָג בין אַ נעגער...
די שיף, צי קיין מאָסקווע זי גייט..."

* * *

ס'איז אָפּגעגאַן פון ריאָ־דע־זשאנײרע,
די שיף די בריטישע
„קאַפּ־נאָרט".

פול מיט טוואועס,
פול מיט פײַרעס,
שווערע טאָנען, —
קאווע־בנאָען;
פולע ליוקן, מיראָבאָלאָן.
די שיף איז אָפּגעגאַן
פון ריאָ־דע־זשאַנײַרער פּאָרט.

ווי יעדער שיף אין אָקעאַן, —
„קאַפּ־נאָרט" — א לײַכטע פלאַש
מיט א בראַוון עקיפּאַזש.

מאַטראָסן — ברוין,
ווי קאַווע־באָבען, —
פאַר ניסיוינעס — וואַך,
און וואַכער פאַר סאַקאַנע.
צווישן זיי, — אַ יונגער נעגער
פון שײַוועט אמאצול:
מײַן פרײַנט, באָמבול.

און אַ שטורמאַן איז אַף שיף פאַראַן:
א נאָז מיט פליי,
מיט רוגזע פון אַ צוירער —
מיט אים, — פון ריאָ־דע־זשאַנײַרע,
אין איין שיף! —
אין איין אָקעאַן!

דאַרף זיך טרעפן:
ס'האָט אַ קראַנקהייט אירע רויגן
אָפּגעזעצט אין באָמבולס אויגן.
און ווי דער דאָקטער מי'ט זיך ניט אַף זיי —
זיי טוען וויי,
זיי טוען וויי.

נאָר וואָס די אָפּיצערן פון דער שיף
פאָדערן פון זייערס א מאַטראָס,—
און וואָס זיי פאָדערן נאָך מער,
מיט האַס אין האַרצן,—
ווען דער איז גראָד א שוואַרצער:—
מיט געדולד געפּאָלגט האָט ער דעם באַלעבאָס.

נאָך שווערן כיילעק נעגער-אַרבעט,
אין היץ,
אין שטויב פון הייצעריי,—
ציטעריקער פריי.
ציטעריקע רו
פאַר יונגן אמאצול.

די שמעטער-כוואַליעס,— ווי פּיראַטן
כאָפּטעסווייז זיי פאַלן אָן,
און רויבערש ליאַרמען אַפן דעק,—
האָבן זיי דעם נעגער-יונג דאָ אָפּגעשטעקט? —

דעם נעגערס פּאַרב — ווי אָקעאַנס,
און אויך דער גלאַנץ,
און אויך די בּרוסט, וואס כוואַליעט, —
נאָר די אויגן — קאַליע.

שטייט באַמבּול בּאַם קיך,
דער קעכער דזשאָך — פּאַר אים, —
איז אַפּן פּאָן
פון אָקעאַן —
אַ ווייסע ליכט,
אַ ווייסער פלאַם.

דער אָקעאַן הויבּט אויף
פון אייגענעם וואסער־לייב, —
וואַסער־שיפן אויף.
טרייבּט זיי איינס אַף איינס ארויף
און בּאַלד צעטרייבּט, צעטרייבּט.

לאַכט באַמבּול צום קעכער דזשאָך:
„— נאָך אַ כוידעש,
נאָך אַ וואָך...״
ענטפערט יענער סוידעש:
„— נאָך אַ וואָך און נאָך אַ כוידעש...״

ס׳איז הײַנטיקס מאָל
דער וואונדערלעכסטער פּאָר —

דעם נעגערס אויסגעטרוימטע רייזע.
וואָס סע שטייט אים פאָר!
וואָס סעווארט אים דאָרט!
ווי סע וועט דאָס גליק זיך דאָרט באווייזן!

סע רופט אים פריינט אהין,
די בריוו זיינע זיי גליי'ן:

„דאָ רעכנט מען מיט אלע גלייך די נעגערס.
„אבי מ'איז נאָר ווי דו,—
„דאַן לערן זיך און טו!
„דאָ רעגירן פּאָשעט:
„יאַם־לייט,
„שלאָסערס,
„טרעגערס.

„וועסט לערנען אין אַרבפּאַק,
„ווי גנאַט,
„ווי איך,
„ווי זשאַק.
„צום זיג דעם וועג דעם ליכטיקן דערקענען.
„די וועלט, וואָס געהער דעם פּראַק,
„מוז זיין בא אונז אין זאַק!—
„ווי סע זאָגט דער בעסטער כאַווער, לענין...״

לאַכט באמבול, און סוידעש:
„— ביז קיין האַמבורג נאָך אַ כוידעש...״
ענדיקט שטיל דער קעכער דזשאָך:
„— און פון האמבורג נאָך א וואָך...״

* * *

זעצט מען זיך אַף שוועל פון קיך.
באמבול דערציילט פון זייניקע און זיך:

— אַ קליינינק דאָרף,
פון וועגן ווייט פאַרוואָרפן.
מיט באמבוק־בוים,
מיט ריצן־פעלד,
מיט יעגער־פלייש:
אַ נעגער־דאָרף — פאַרשלאָפנס.
איך אַ קינד, בין ערשט אראָפּ
פון מאַמעס פלייצע־בייטל,
געלערנט ריצן רייבן, —
צו יעדן דזשאזבאַנד צוגעלייגט דעם קאָפּ.

אַ יאָמטעוו־טאָג.
אַלע אַף דעם טאַנץ־פּלאַץ.
באַ אונז, ארום דעם פּלאַץ —
אַ וואַלד;
און נאָכן וואַלד, —
אַ טייך — א טאַץ.

און ווייטער — וואַלד און וועלדער,
פּלעצער ברייט צעשטעלטע.
און נאָכדעם — יאַם אליין,
ווייטער גייען קאָן מען ניט,
סע איז ניט צום גיין.

דער הויפּטמאַן שיינט אין פּעדערן, —
אין פּעדערן איז יעדערער,
אף הויפּטמאַן — פאַרבן־שטראַלן, —
אין פאַרבן זיינען אלע.
הויפּטמאַן — אינדערמיט.

פּלוצים טוט אַ שניט: —

פון וויטן, פון וואַלד,
אין זילבער, אין גאָלד,
אין וואונדער־מונדירן:
גייען פיר אירע
קנעפּ און גלאַנץ.

מיר ברעכן דעם טאַנץ.

„— מיסטאם אידעס ווייסע
פון יענער זייט יאַם!"
„— נאָך קיינמאָל קיין ווייסע

געזען האָט דער שטאַם!״
„— ס׳איז קיינמאָל אָט׳הערצו
קיין ווייסער דערגאַן...״

פּאַכאַד און שטוינען...

איינער א זאָקן לאָ,
וואָס יונגלוויים נאָך
געדינט האָט אין לאַגער
באַ ווייסע, אַ וואָך,
און קלעפּ דאָרט
פון הענט פון די ווייסע געכאַפּט;
קלעפּ דאָרט פּארזיסטע
מיט ספּירט.—
דער זאָקן איז צוגאן צום הויפּטמאַן,
און קוים מיט די ליפּן געפּירט:
„... ס׳איז ווייסע... מיסטער...
„... מיס... קכע... קכע...
„... בריטאַן... וויסקי...״

דער אוילעם — אין שטוינען,
דער הויפּטמאַן שטייט אויף.
די קריגער געהאָרכזאם,
די בויגנס ארויף.
דער הויפּטמאַן צעהירזשעט,—
צעהירזשעט דער שטאם,

דער פלאַץ און דער וואַלד
און די וועלדער צום יאַם.
און איבער דעם הירזשען
דעם הויפּטמאַנס א היכץ.
שטיל ווערט. די קריגער
זיין גרייט צו דער פליכט.

דער הויפּטמאַן גייט צו
צו די פיר מיט געשריי.
און אָט וואָס ער זאָגט
צו דעם ווייסטן פון זיי:
„— וואָס האָט איר מיטגעבראַכט
כוץ זיך אליין ?"—
(צו שטאָלץ און צו בייז
איז דער הויפּטמאַן געווען).

דער ענטפער: א שאָס,—
און א באמבוק צעלעכצט.
פון אלעם, אין פאַכאַד,
איין הילכיקער קרעכץ.

און באַלד רייבט דער ווייסער
אַ פייער פון זויל.
און ענטפערט מיט איינעמס,
אַ זיינעמס, א מויל:

„דער קעניג געשיקט אונז:
„פריד אייך און גליק!
„דער קיניג מאַטאָנעס
„דעם הויפּטמאַן געשיקט!"

און קיילים ציען זיי ארויס,
טרייסלען אין דער לופט.
אין די קיילים רעגנבויגן
זידט, שרייט, רופט.

הייסט דער הויפּטמאַן:
„— ווייסע הערשער, קומט צום פּלאַץ!"
ליאַרמען אַלע: ווייסע הערשער,
קומט צום פּלאַץ!"

זיצט דער הויפּטמאַן מיט די ווייסע אינדערמיט,
און די קריגער — זיך ארום צעשיט.

דזשאַזבאַנד רעוועט מיט די האָרנס,
מיט די טעפּ.
און די מיידלעך טרייסלען מיט די בייכער,
מיט די קעפּ.

„אונזער בריטישע מעלוכע שיקט אייך דאָס געשאַנק!"
און די ווייסע אָפּיצערן טיילן ווייסן גאָטס געטראַנק.

אַלע טרינקען און דער ווייסער מיטן הויפּטמאַן
אינדערמיט,
און באַ בײדע הענגט אראָפּ אַ שווערע ליפּ.

אַלע טרינקען,
און צעווילדעוועטע שפּרינגען,
אינגלעך, מיידלעך,
יונג און אַלט.
מ׳איז באַפּעדערט,
און מע רעוועט און מע פּאַלט.
מיידלעך, אינגלעך
ווילד צערעפּעט,
מיט די צינגער
מע טעלעפּעט,
מיט די פּייקלעך,
מיט די בייכער,
מיט די פּיס:
„ווייסער הערשער!
„מיסטער!
„וויסקי מיס!״

אַלעם אויסגעלייגט, ווי איינעם,
סאַי די קריגער,
סאַי די זקיינעם —
האָט די מאשקע,

האט דער פּעסט.
נאָר די ווייסע ניט, די געסט.

צוגעפאַלן צו די מיידלעך
די ענגליש־מענער איידעלע.

איינע, די ניכטערע זקיינע,
לי, האָט געזעען עס.
דעם הויפּטמאַן געררודערט,
געטאָרעט די קריגער,
געברומט און געוואָיעט,—
נאָר אַלע, ווי טויט.

* * *

די שיף „קאַפּ־נאָרט״ געקומען איז קיין האַמבורג.
און ס'גייט די טעג אַ שיף קיין לענינגראַד.
וואַרט איך אויף מיין פריינט באמבולן,
און וואַרט מיט אומגעדולד און וואַרט.

כ'זע פון ברעג זיין שיף,
ער דרייט זיך אום דאָרט,
לויפט און טוט.
און מיך פאַרוואונדערט: —
געשיקט זיך עס ער זעט מיך ניט! —
די ערד בריט אונטער מיינע טריט...

כ׳האָב דעם ערשטן טאָג אומזיסט געוואַרט,
וואַרט איך אויך דעם צווייטן און דעם דריטן,
כ׳וואַרף די ארבעט אַלעמאָל אינמיטן,
ווייל נאָך אַ טאָג און שיף גייט אָפּ קיין לענינגראַד.

דערווייל דערציילט מען מיר אזוי:
דער שטורמאַן אַף „קאַפּ־נאָרט" שמיצט זיך,
זויפט.
זוכט אין וועמען שטעקט מען איין די הענט.

באַ מאַטראָסן
בלוטיקער פארדראָס צעברענט.
און שטורמאַן האָט דערוואוסט זיך,
וואוהין סע פאָרט באמבול,
און אים פאַרגלוסט זיך
דעם נעגער־אמאצול צו טאָן א שטאָך:
„איך פאַרהאַלט דיך נאָך אַ וואָך...
„פאַרב די שיף פון דרויסן־זייט
„וואָס, די אויגן־ווײ? —
„גיי!
„דו, הונט"..

כ׳זע פון ברעג דעם כאַוועך מייבעם,
כ׳זע ער טאַינעט צו דעם שטורמאַן פון דער שיף...
טאַינעט מיט די קאַליע אויגן זיינע.

נאָכדעם,—
ווי דער שטורמאַן זיך פאַרמאָסטן אַף זיין פאָנעם...
אויפגעשפריצט האָט און געטריפט...
געקאָמע האָט אין נעגער אויפגעפומפעט,
האַס ביז ווייסן שוים צעגליט האָט.—
צום שטורמאַן זיך געוואָרפן,—
נאָר באַלד דערציטערט
האָט ער זיך איינגעשרומפן...
איינגעשרומפן...

און מיט באַרשט און קוואָרטל־פאַרבן
צו דער דרויסן־זייט, אַף ארבעט...

אין מאַטראָסן האָט די סינע הייס געזאָטן,
נאָר קאַלט געדולד דעם זין האָט קאַלט געבאָטן:
פאַרבייסט דעם האַס מיט ציין;
ניכטערקייט זאָל צוימען דאָס געביין,
די ריפּן שוינט פאַר רייפער צייט, וואָס גייט.

און אָט מיין פריינט:
פון דרויסן־זייט ער שטייט
אַף הענגנדיקער ברעט,
מיט קאַליע אויגן־זשוואָברעס.
אויבן איז דער שטורמאַן אפן דעק,
און אונטן איז דער אָפּגרונט,
און דער נעגער איגדערלופטן צווישןביידע שטעקט.

דריקט דער שטורמאַן אים פון אויבן,
רופט אים אונטן דער טעהאָם,
פּלוצים טוט די ברעט א דריי זיך און א הוידע,
די באַרשט אַ שפּאַן טוט אין טעהאָם,
די פאַרב אַ פליוך,
דער עמער ווייזט דעם דנאָ,
און אַף דער ברעט איז קיינער שוין ניטאָ ...

... און נאָך ביז היינט איך זע מיין פריינט,
זיין טיפע יונגע שטים איך הער:
„אָ, דער וויסער דריקט אונז,
„אָ, דער וויסער שטיקט אונז,
„בויגט אונז ביז דער ערד!״

אומרו

צווייטער בוך

9. ל. קוויטקא

ערשטער טייל

א פאַרב־יונג

ווייט פון מיין היים און מיין טייכל —
א פאַרב־יונג אף קלעטערס און שטריק
געהאַנגען אף מויערס אף רייכע.
מיין אינגלשע קראַפט האט געשלייפט זיך
אין באַרשט־שמיר — אַהין און צוריק.

און גראָד האב איך פעסט זיך געהאַלטן,
פון הויך ניט געפאַלן אף דר׳ערד. —
באַלעבאָס אין די שטיוועלעך שטאלטנע
האָט דאָרטן מיין גוירל באקלערט.

פאַרוואָרפן צו מיר מיט די אויגן,
האט ער דאָרט זיין וואוילטאָג געוואויגן,
וואס פאַלט אים אַראָפּ גאָר אָן ראַש
פון יעדער מיין שמיר מיטן באַרשט.

שטעכט מיר ביז זיבעטער ריפּ.
בא אים אין דער קעשענע קאַלטער, —
מיין ברויט און מיין טיי דאָרטן האַלט ער!.. —
טאַינעט פאַרביסן מיין ליפּ.

... ער ענטפערט מיט גענגעלע שטאַלטנע,
מיט שטיוועלעכס איידעלן סקריפּ...

זשיד

אונזער דיך — אזוי שוין אויסגעריבן,
אונזער שאַרבן־הויט — שוין פּאַפּיראָס־פּאַפּיר,
און וואָס דערויף איז אויפגעשריבן, —
קיינעם ניט אינטערעסירט.

דער גאַנג, דער וויי,
די פּלאָגן,
צונויפגעלייגט אין לאָגן
הענגען אין מוזיי.

נאָר היינט האט זיך געטראָפן:
דאס קינד געפינט זיך ניט קיין אָרט, —
צו פרי פון גליטש אַהיימגעלאָפן,
מע האט זי דאָרט באַליידיקט
מיטן מיעסן וואָרט.
פייניקט זי מיך:
„נו...
וואָס אידעס פאָרט?..“
— אייסעך, גאָרניט...
גאָר אמאָל...
פיל מילכאָמעס
און פּאַרנאָסעס...
קרייץ־צוגן אָן צאָל,
שלעכטע מענטשן,

הערשערס נוץ

איז אף אונז בילבולים וואַרפן,
שמוץ...
— נו?
— נו, אילאַיטש...
— נו?
— מיט אַלעם גלייך באַ אַקער, שער.
ווי אַלעם נעמט אונז אויף די ערד,
סע וואַקסט באַ אונז א גרויסער דאָר,
אליין א ראָד,
אַן אַקס,
א ראָד...
— נו?..
— נו, נאָך ניט יעדערן איז קלאָר...
— א שאָד...
נו, ווייטער, נו?
— נו... ווייטער האט געזאָגט אילאַיטש...
גיי שוין ווידער אַפן גליטש...

שטיל און טיף

... שטיל און טיף־טיף, ווי מיין שווייגן
וועל איך מורמלען דיר אין אויער:
„מאַכנעס מיידן, וואָלקנס מיידן
מיך א זייטיקן, א קליינעם,
ניט צו פלויטן, ניט צו וועגן,
ניט צו מאַרקן, צו געשלעגן,
כ'וועל נישט מיטגייען מיט קיינעם".

דער האַמוין — מיין געזונטער פּאָטער —
שטאַרקע גלידער, בלינדער ווילן,
שיקט א דולן צו א טאָטער
און פאַרשטייט א הינטיש בילן.

אָבער איך, אזאַ פאַרשייטער,
פון מיין גאַס ארויסגעשטויסן,
ווי א שפּאָן אַוועק פון שפּענער
א פאַרשייטער אינם דרויסן...

מיט מיין גלייכן האַלט איך אויף זיך,
פּיק איך, קלויב, אויף הויכע שוועלן
פון א וועלט אין נעפּל ווייטן, —
פון א וועלט, וואס הויבט אָן העלן...

מײַן אומרו

א גרויסן טויבן אומרו טראָג איך אין מײַן האַרצן...
באָדט די שטאָט זיך ווען אין בית אין שוואַרצן,
אין נאַכטן־ביט פֿאַרכלופּט ביז איבער אַקסל,
כאַפּט זיך אויף מײַן אומרו,
און טיאָכקעט אין מײַן האַרצן.
כ'האָב צו דיר א טאַינע:
פֿ אַ ר ד ע ר ד ו פֿ אַ ר ד ײ ג ע ר !

איך ווײס: אין ווײַט,
וואו בײדע גרויסע אומעס,
ערד און הימל זײַנען זיך שוין נימעס
און ווײַטערן זיך אײנס פֿון צווײַטן,
אין ווײַט, אין בלינד פֿאַרווײַטן —
שפּאַנט א מענטש געפּעלצט
אין פּעלץ פֿון שטריק און סטריכעס.
אין בליק — א שטרענג געדולד,
אין האַרץ — א האַרט שעליכעס,
אַקשן־קראַפּט אין שפּרײַזן זײַנעם,
ער שלעפּט מיט זיך צו מיר,
דיזעלבע גרויסע טאַינע.

א נאַכט געהאַקט פֿון שטײנער,
ווען ס'אַנטרינט פֿון דולער גאַס

דער לעצטער איינער —
וועט אַפּן זייד־געשטריקטן שימער
פון שטיק באַלויכטענער וואַנט
באַ מיר אין צימער —
וועט אף דעם זייד א וואָלקן זיך דערהויבן,
ער וועט אויפוועקן מיין טויבן אומרו,
וואָס וועט ברומען:
„ער איז שוין דאָ... ער איז געקומען...״

און דאַן א פינגער־טריף אין מיינע שויבן,
א שפּאַן באַלד איבער שוועלן
און מענטש, דער ווייטער מענטש, מיט גרויסער טאַינע
ער וועט מיט איר פאַר מיר זיך שטעלן.

שטילער, שטיל די ליפּן זיינע
וועלן בלוטיק טריפן מיר די טאַינע
פון זיין בלוטיק־האַרץ אין מיינעם.
מיין טויבער אומרו קוקן וועט פון אויגן
און וועט די טאַינע־גיפט פאַרזויגן...

כ׳האָב ניט אויפגענומען...

כ׳האָב ניט אויפגענומען היינט דעם טאָג.
באַגעגנט קאַלט,
מיט שמאָלע הויכע אַקסלען
געבליבן פֿאַר אים שטיין.
מיינסט, געוואַרט?.. ניין:
אַזוי, בא א פּייכטן טעלעגראַפֿן־סלופּ
שטייט זיך מיר און הערט זיך מיר:
קייקלט ערגעץ זיך א טויבער קנויל
אין בלינד־פֿאַרגייענדיקן הויל...
שטייט זיך מיר און הערט זיך מיר,
און ווינט אַרום,
און הייזער שטייען און גאַסן גליווערן,
און ערד איז שטום.

ליגט גאָרע אייביקייט געליימט, ניט געריימט,
גליווער־פּוסט...
וואס איז גרויסער פלעק,
צי קליינער פלעק,
מיט הויכע שמאָלע אַקסלען?..
שטייט איינער אָפּ אין גאַס,
א צווייטער,
און גייט אַוועק...

פון אנטקעגנדיקן הויז
האט עמעצער מיט אומעטיקע וויעס
ארויסגעשיקט צו מיר א קינד:
„די מאַמע רופט!"
און קליין מיט יונגע אויגלעך
שטייט מיר פאַר די הויכע קני:
„די מאַמע רופט!"
וואָס זאָל איך ענטפערן דעם קינד?
כ'האב מיין האַנט אַראָפּגעלאָזט,
געפירט מיט וואַרעמע פינגער־שפיצן,
אף קעפעלע דעם קינדס.
ס'האָט צו מיינע דאַרע קני זיך צוגעשפאַרט,
מיט אויגלעך
קינדערש־מאָנענדיק געבעטן:
„די מאַמע רופט..."
וואָס זאָל איך ענטפערן דעם קינד?

א שווייגנס

איז קיינער ניט פאַראַנען אין מיין צימער, —
ווער איך מונטער,
איך שמייכל אונטער,
און טאַנץ א שווייגנס מיט דער שטילקייט.
מיר דרייען זיך אין שטילער גרינגער ווילדקייט,
דרייען זיך — איך מיט שטילקייט...

זי טוליעט מיך און ווינטלט מיר אין אויער,
שיקערט מיך מיט אויסזעען איר גרויער,
איך ווער א טאַם
און דריי זיך גלאַט, ווייל ס'דרייט זיך.
נאָר באַלד אין שטילקייטס ווינקלען
א מורמעלע צעגייט זיך,
מיך באַרירט עס —
דערקען איך זיך, מיין שטילקייט,
טאַנצן מיר מיט גרינגער ווילדקייט,
אין טונקעלער לופט, ווי טונקלע צייגנס,
טאַנצן, איך מיט שטילקייט,
א טיפן גרינגן שווייגנס...

ס'מאַכט זיך:
איך קום אמאָל,
און שטילקייט וויל מיך ניט דערקענען,
איך זוך מיך אָפּ אין אירע אויגן —

זע איך: מײַנע שלײפֿן ברענען,
איך קער צוריק,
זי טוט א בליק
און שמידט אי מיך, אי טיר.
איך ווער געפּלעפּט
און קני פֿאַר איר...

ווען איך דערוואַך,
איז הימל שוין א שוואַרצער דאַך,
איך און שטילקייט שטײען געאַרעם,
די אויגן פֿײַכט, די באַקן וואַרעם.
מיר ציִען באַלד א מאַיסע-ליד
פֿון נעכט און רעגנס,
און טאַנצן גרינג און לאַנג א שווײַגנס...

טאָג־בלוי

איז דורך א שפּאַלט אריין דער דרויסן,
האט אף א בלעכל זיך באזעצט,
ער שפּילט בלוי־זילבערדיק אין טונקעלן צימער...

מיר זיינען קינדערלעך געווען באנאַכט,
געלעגן שוואַכינקע אין הענט פון שלאָף,
דערשראָקן גלויביקע פאַר גרויס פון נאַכט,
א קופּקע אויפעלעך אין צימערס פּוסט,
ווי פּיצלעך אויפעלעך אין שוואַרצן שא...
ראַכמאָנעס שוואַכינקע פאַר גרויס פון נאַכט...

איז אַריין דער דרויסן,
אַף בלעכל זיך באַזעצט,
בלוי־זילבערדיק אין צימערס פיר־עק, —
העי, דערוואַכט! —
איך בין איך, און דו ביסט דו, און ער איז ער,
יעדער האט זיין וואָג און זיין באַגער,
יעדער וועגט פון קערפּער־וואָג פיל מער!

מיין אויצער

יוגנט האָב איך.
די יוגנט איז מיין גרויסער, גרויסער אויצער.
טרוימען דאָרט און דימענטן און שטראַלן,
ציען, ציען זונען־סטרונעס אויס,
שפּילט מיט צאַרטע פינגערלעך אף זיי
מיין יוגנט־פרייד...

און אז די הענטעלעך פון פרייד
שיטן פערעלעך פון איינס אין צווייט —
גייט א טענצעלע אין מיר —
מיין יוגנט־האַרץ...

נאָר, ווי!
די שטילע טעג, די שטומע טעהוימס שעלוכים,
גאַנוועענען זיך שטיל איינס נאָך איינס צום אויצער:
דער רייסט א פערל אויס, און דער א דימענט,
דער כאַפּט א זון אוועק, און דער א הימל.
די פינגערלעך פון פרייד, זיי בלאָנדזשען,
זוכן סטרונעלעך — און סטרונעס פעלן...
זיי רייסן בערג, די טעג, — און ס'בלייבן היילן...

מיר כאָלעמט זיך אמאָל א זאַל א ברייטער,
מיט הענגער אף דער סטעל פון לאָמפּן־בליצן,
מיט שפּינוועבס אף די ווענט פון גרויסע בילדער.

און אַף דעם בריק פון יונגע וואלסן — קריצן !
מיר כאַלעמט זיך אזוי . . .
איך כאַפּ מיך אויף :
אוי !
א טאָג האט מיך באגאנווען . . .

ניט לאַנג בין איך ארייגעגאַן אין אויצער,
זיך געשטעלט בא זייט און אים באַטראַכט :
געגלעט די בערגלעך גאָלד,
געציילט די פּערל,
דעם בריליאַנטן־בלענד געגאָסן איינס אין צווייט,
דערנאָך באַרירט די ווענט : דאַכט מיר אלע שטאַרק ! —
ווי־זשע קומען גאָר גאַנאָווים אַט אהער ? . .
אזוי די ווענט באַריר איך, אזוי שטיי איך און קלער.
און ווי !
מיין האַנט באַרירט א פּייכטס . . .
איך קוק זיך איין — אָ, שרעק !
א שימל־פלעק !
בא מיר אין אויצער־יוגנט, אין אויצער־פּראַכט! —
א גרוס פון נאַכט . . .

דער שפּיגל

מיין שפּיגל א גלאַטער, א קאַלטער,
דאָך עפּעס א כאָלעם באַהאַלט ער...

ווען שטילקייט פּאַרקילט ווערט אין ווינקלען פון צימער
און ס'קומט אָן דער אָוונט
מיט בלויאינקע אָדערלעך-קומער,—
קומט אָן אַן אומעט פון טיף פונם שפּיגל
און נעמט זיך פּאַרשפּרייטן
אַף בילדער פון ווענט,
אַף צעוואַלגערטע קליידער.

און כאַפּט זיך א שטורעם אריין אין מיין צימער,
געטראָגן אַף יונגע, צעטענצלטע פיסלעך,
און פּאַטשט ער, דער שטורעם,
אין ווענט און אין סטעליע,
און טאַנצט מיט די שטול-פיס, מיט בענקלעך א רונדע,—
קוקט ער א פלאכער, מיין שפּיגל, אַף שטורעם,
קוקט אים אין פּאָנעם און שפּיגלט זיין אימפּעט.

און בלייבט נאָר, מיין שפּיגל, אליין אינם צימער,
זויגט ער זיך איין אין דער וואַנט, וואָס אַנטקעגן,
און קלערט פונם דרויסן
אָן סאָף און אָן ענדע.

אזא בלויע נאַכט

ראָזען

אַזאַ בלויע נאַכט...
אַזאַ בלויע נאַכט...

פֿאַרבאָרגן דער הימל אין טהומישער טיף,
ער בויעט א טרוים דאָרט און כאָלעמט א וועלט,
טריפֿט מיט א קישעף א טריף נאָך א טריף...

איך שטיי באַ א ברונעם אַן אַלטן מיט מאָך.
א קאַץ, זאגט מען, וואוינט דא א גאנצענע וואָך,
וואָס קישעפט מיט אויגלעך, מיט לעפלעך באַשווערט,
און זעלטן אין זומער אין בלויאינקע נעכט
נויגט זי דאָס קעפל צום הימל און שפרעכט.
דעם שפרוך ווייסט לעוואָנע, דאס מיידל, נישט מער–
מיך שיקערט צו וויסן, איז קום איך אַהער.

איך שטיי בא דעם ברונעם און קוק זיך גוט איין,
א בילד דאָרט... דער קאַצס, צי דעם מיידלס, צי מיינס...
טיף איז דאס בילד, און אף דעם קוקט פארטראכט
אַזאַ בלויע נאַכט...
אַזאַ בלויע נאַכט...

דאָרט איז די שטאָט אזוי פרום, אזוי אַלט,
פעסט איז דער קלויסטער פאר נאכט־שלעק פארפראלט.

ס׳שטייט בא דעם מויער א פרומער און בעט,
קלאַפּט זיך א האַרציק א שטילן אַלכעט,
ס׳זעט אים דער שוימער פון קלייטן און טראַכט:
אַזאַ בלויע נאַכט...
אַזאַ בלויע נאַכט...

ניטע, שוועסטער...

ניטע, שוועסטער, דרימל איצטער,
ווייל דער ווינט אָט ברעכט ער, קריצט ער,
און דער וואַלד טוט אָן א קאַפּטער,
און דער הימל — וואָלקנס קלייבט ער,
אך, אַן אָנפֿאַל וויל ער מאַכן,
אונז מיט וואַסער אויסצולאַכן. —
קוק, די וואָלקנס — ס'אַ סאַקאָנע,
לאָמיר רעטן די לעוואָנע!..

קוק, אף צאָפֿן, ווי א קאָטער,
אין א טייך דאָס קעפּל באָדט ער,
קושט זיך מיט א לעוויאָסן
און זיי שטויסן... און זיי שטויסן...
ביידע איילן זיי זיך, רוקן, —
די לעוואָנע צו פֿארצוקן...

ניטע, שוועסטער, דרימל איצטער,
ווייל דער הימל, וויל ער — בליצט ער,
כאַפּט די שווערד באַלד פֿונם שיידל,
מאַכט אַן אָנפֿאַל פֿון א זייטל —
שלאָף ניט, שוועסטער, ס'אַ סאַקאָנע,
לאָמיר רעטן די לעוואָנע...

מאַרט

באַפרייטע ריטשקעס לויפן,
און רייסן זיך און רוישן
באַם טראָטואַר, באַם גלאַטן קאַנט.
זון מיט גראַבליעס גרויסע,
רייסט די ווינטער־הויטן
און פּאַכט מיט וואַרמע פּאָנען,
פון דער ברייטער האַנט!

דורכגייער,
די הוילע הענט זיי שווינדלען,—
פאַרוקטע היטלען,
פריש־פּאַרקעמטע קעפּ, ווי פּליס.

א ווינטל ציט פון פעלד
און ווי א הינטל שפּילט
און פּלאָנטערט זיך פּאַר פיס...

קום נישט, מיין פריינט

פראָסט האט מיין קליאַמקע געפּענטעט
און פראָסטיק פאַרכאַסמעט מיין טיר.
קאַלטבלוטיק אף וועלט קוקט מיין פענצטער,
אזוי זיך סטאַם, קוקט דאס אף איר.

איך וויל איצטער קיינעם ניט זעען,
איך וויל ניט זאָלסט קומען, מיין פריינט,
כ'האב געסט איצטער — אומעט און שטילקייט,
מיין האַרץ איז פארנומען אף היינט.

קום מאָרגן . . . עפּשער נאָך שפּעטער,
ווען ס'וועט זיך פארהוילן אין בלעטער
מיין בענקנדיק הארץ שוין צוריק.

וועסט טרעפן מיין טיר דאן א גרינגע,
צוריק אויך מיין שטימע די יונגע,
מיין העפקערדיק פריילעכן בליק . . .

אייסעוו

אייסעוו,
באוואַקסענער, געבענטשט מיט שמעקנדיק פעלד!
דיר קומט פון מיר א גרייזער כויוו,
ער ליגט פאַרזונקען אין מיין טיף,
באַגראָבן אין מיינע פאַרשאָטענע אויצרעס...

אייסעוו,
שטיל, הינטער דיינע פלייצעס,
שטיל האב איך געזויגן די רייכעס פון דיין מאַזל,
דאס קרעפטיקע געטראַנק
פון דיר, אייסעוו, שמעקנדיק פעלד.

אייסעוו,
האָריקער, מיט בלינדן טאַטנס בראָכע
אף וואַלדן־קאָפּ,
מאָן מיך ניט אַצינד... מאָן מיך ניט אַצינד...
טראָפּנווייז דיינס איז אויסגערונען
דורך מיין גרייזן אומעט.

אייסעוו,
אף ברייטן פלאַך פון שימלאוראַלט
איז אויסגעשפינט,
אויסגעשטיקט,

אויסגעשטריקט
מיין אוראַלט האַרץ,
מיין גרייזער טרוים,
מיין טונקל־גלאַנציק קוקן...
אויב דו מאָנסט, מאָן דאָרטן, מאָן...

אייסעוו,
קער זיך אָפּ פון מיר צו דיינע שעפּסעלעך,—
צו דיינע שמעקנדיקע קוואַלן,
לייג ארויף דיין האַנט אף זיי,
דיין האָריק אַלטע האַנט...

מיט מיינע יונגע...

מיט מיינע יונגע, ניט-דערוואַקסענע פעדערלעך,
אין טונקלעניש,
פאַר טונקלעניש,—
זיץ איך אף מיין הויכן דרימל-לייטער:—
„טשריק-טשיריק:
„אוראַלט, אוראַלט,
„מיט פאַרוועבטע אויגן,
„זאָג, ווער זיינען מיינע עלצטע טאַטע-מאַמע?—
„ווער זיינען זיי?
„כ'וויל ניט שעלטן, כ'וויל ניט בענטשן,
„שטילינק-שטיל נאָר איבערגעבן
„אין די אוראַלטע מעאורעס:—
„— טאַטע עלצטער,
„מאַמע עלצטע,
„כ'בין אין סאַמע מיטן אָוונט,
„צימרינג-געדעמפטן
„אָוונט, אָוונט.—
„הילן מיך די ווייכע פעדערלעך,
„הויבן מיך די יונגע פליגעלעך,
„און פון שטאַפל
„אַפן צווייטן
„הויב איך אויף זיך,
„הויב איך אויף זיך איבער אָוונט—
„העל איז, העל איז— איבער אָוונט!"

פון גרויסן שאַריען...

פון גרויסן שאַריען
בלאָזט אַף מיר,
שטראָמט אַף מיר
בלענדיקע העל.
פון שוואַרצן פאַרגייען
הויכט אַף מיר,
דעקט אַף מיר
שטאָק־שוואַרצע וויסט.

און ווינטן פון אָל,
און ווינטן פון גאָר —
אַף רעדל מיין קליינס,
אַף בינטל מיינס יאָר.
איך אַף מיין וועלט
א שטיינדל אַף שטיין...

זאָג איך מיר איינמאָל:
„כ'האָב נאָך א שמייכל,
כ'האָב נאָך פיר עקן
אַף לעבן און קוקן,
א הויכינקע שוועל.
איך בין נאָך די גרויס דאָ,
די מיט און די עקן,

פאַר בינטעלע בליאיקע יאָר
איך וועל קלעקן.
וואָס פעלט נאָך ?
וואָס פעלט נאָך ?
וואָס פעלט ?"

בלאָזט אף מיר,
שטראָמט אף מיר
בלענדיקע העל
פון גרויסן שאַריען.

גאונים

אין אויסגעטיפּטן,
אויסגעלייטערטן שימערײַ
קומען זיי זיך שטיל צונויף.
יעדער גרעסטער גאָען פֿון זײַן פֿאָלק,
יעדער טיפֿסטער אָטעם פֿון זײַן פֿאָלק,
קומען זיי זיך שטיל צונויף...

שטעקן איין די פֿאַרשיידנפֿאַרביקע,
פֿאַרשיידנלענדערשע שטאָקן־שפּיצן,
שפּיצן איין
אין פֿלאַקערדיקן פֿעסטרינג: — זון.
ווערט פֿאַרוואָרפֿן דאָס גרויסע,
שײַנענדיקע בײַדל
אין אויסגעלייטערטן,
אויסגעטיפּטן שימערײַ.

יעדער פֿאָלק:
אַ קלייניקס,
אַ באַדערדיקס,
מיט אָנבליקן צוגעשלאָגענע,
דרייט זיך אַרום,
יעדערער ארום זײַן גאָען,
אַרום זײַן שטאָק,—

מיט פינטלדיקן קוקן,
דרייען זיך די פעלקער,
אַן אויסגעשטעלטן גאַנג . . .

די געאוינים
פון זייערע ערטער
קוקן זיך איבער
אין שימער אויסגעבלויטן;
יעדער מיט זיין אייגן-לייכטנדיקן בליק,
אייגן-פליסנדיקן אומעט,
אייגן-אומעטיקן בליק . . .

אַלטע מאַרקן

1

נ א כ ט ־ ג ע ד א נ ק

קנופּיעס אַלטע, אָפּגעבליאַקטע פרעש
אַף צעוואָרפענע, צעבראָכענע „פידאַשקעס"
קוואַקען הייזעריק און קוואַקען אַלט
אין אויסגעוועפּטן מאַרק, אין יעדן שפּאַלט.

דער הייזער־קרייז ארום־דעם מאַרק,
ווי הענט צעבראָכענע אין שווערן צאַאר...
בליקן ברעכן זיך, ווי אָטשערעט,
און קוקן אָפּגעהאַקט און קורץ און שטאַר.

איינער טראָגט א קעסטעלע ארום
מיט מאַזל־נומערלעך פון מענטשנס גליק...
גלויב: אַף איינעם פון די בוידעמער
וואַרט שוין לאַנג אַף עמעצן אַ שטריק.

מיט קליינע אויגלעך, בלינד פון דולן מאַרק,
וועט ער באַטאַפּן בלינד דעם שטריק און דאַך,
איך צי דו, באַמערקנדיק, וועט טאָן אַ טראַכט:
מיט קליינע אויגלעך טוט דאָך אָפּ א גוטע זאַך...

איך צי דו, באַמערקנדיק, וועט קומען שפּעט אהיים,
און זען א טונקלעניש אין לאָמפּ, אין בעטגעוואַנט,

און בלאָנקען, בלאָנקען וועט אין קאָפּ א נאכטגעדאַנק:
„דער לייטער שטייט דאָרט באַ דער אונטערוואַנט"...

2

גרייז־גרויער שמועס

פון אַלע פיר עקן צעוואָרפענער וועלט,
דורך וועגן און געסלעך, מיט מאָכיקע טריט,
די נעכט, ווי אַ טשערעדע גרוי־טונקלע קעץ,
רוקן זיך שטילע דורך טויב־געננ אין שטאָט,
און טוען א כאַפּ זיך אריין אינם מאַרק,
און בייכיק באַזעצן די ווינקלען פון מאַרק...

א הינטל אַ קליינס ווערט דער נאָווי פון מאַרק,
ער שטייט באַ דעם ראטהויזס אַ פלעקיקע וואַנט
און לעקט פון דער ערד ברעקלעך פעטלעכע זאַלץ,
וואָס מ'האָט דאָ פון כאַזער־פלייש איבערגעלאָזט.

דערנאָך וועט דאָס הינטל באַשמעקן די וואַנט
און עמעצס פאַרשמאָלצע פאַרשלאָסענע טיר,
און אָנהויבן קלאָגן, די אויגלעך פאַרשנירט,
אַ גאַנצע נאַכט איינער באקלאָגן דעם מאַרק.

אַ דולער דערפילט, אַז די נאַכט איז אין מאַרק,
קומט ער געהויקערט צוגיין אָט אהער,
זוכט באַ די טירן פאַר דולן אַ דולס,

געפינט ער אַ שמאַטע, פאַרווייקטע אין פעטס,
שוואַרצט ער מיט איר די צעטריקנטע פיס
און מאַכט זיי פאַר שטיוול מיט בולפּענעם גלאַנץ.

ציט צו זיך מאַרק, ווייל די נאַכט איז מיט אים.
זיצן אַ דינסט מיט אַ דינער באַנאַנד
אף איינעם א קאַסטן מיט שטיין־קוילן שווער
און ציען דעם אַלטן דעם דינערישן שמועס,
דעם גרייז־גרויען שמועס אין געלאַטעטן מאַרק...

ווייבער

און זעסטו אינדרויסן פון ווייבער אַ רעדל,
מע אַרבעט די זאָקן אין שאָטן פון סעדל.
מע שושקעט זיך, איינע צו צווייטער געבויגן,
און טרויריקע שאָטנס פאַרשטעלן די אויגן.
זיי וויסן, מיין ברודער און דו, דורכגייער:
ס'וועט עפּעס געשעען... ס'וועט עפּעס געשעען...

אַ נוויאישער גייסט איז צעגאָסן אין ווייבערשע הערצער:
זיי קוקן אין זיי ווי אין אורים־וועטומים,
זיי פילן אַ סאָד און זיי ווייסן זיין זינען,
דערפילן פאַר מיילן די ליבע און סינע.
זיי שושקען זיך, שושקען, דו קוקסט זיך ארומעט,
דו זוכסט כאָטש אַ סימען פון דעם, וואָס זיי מורמלען,
דו זוכסט און דו שרעקסט זיך און ווערסט שיר מעשוגע,
און ווערסט מיט אַ טיאָכנדיק האַרץ קוים אנטרונען.

איך ראט דיר, מיין ברודער, אין גאַס דאַן גייען:
ס'וועט עפּעס געשעען... ס'וועט עפּעס געשעען...

בין איך קראַנק דען?..

בין איך קראַנק דען?
בין אַ קראַנקער מענטש,—
וואָס כ'קען מיין טיש ניט ליידן,
און זיך באַם טיש, און ס'ווייב, און ס'קינד?

ווער מוישלט איבער מיר — אַ קרעבס!
איבער מיר, און איבער מיינע דאָרשטן,
איבער מיינע יאָרשים,
איבער גרויסן נאָמען מיינעם.—
ווער מוישלט איבער מיר — א קרעפּס!
מיינע הענט טראָגן אים נאָך אלעס אונטער,
מיט גאָלדענע זייגערלעך — מיין מאַרכס,—
קעכל איך אים.

בין איך קראַנק דען,
וואָס כ'רייס פון זיך די הויט,
און וויל אנטלויפן וואוהין סע שלעפּט מיין דאָרשט מיך?

כ'ווייס, איך האָב פון ווענען זיך צו לערנען,
פאַראַן אן אוילעם, א באַרעדעוודיקער,
פול מיט כאָכמע.
דאָך, אויב שוין יאָ אַ ביישפּיל נעמען,—
נעמט מיין עקל און מיין דאָרשט

נאָר פון דעם,
וואָס זיצט זיין לעבן לאַנג
אויף אַלטע קאָזלעס אָפּ
באַם דאַרן, שקווארן פערד און וועגל,
און ווייס ניט ווען פאַרשווינען דינגען זיך,
און ווען זיי שנאָרכן,
ווען דאָס פערד און ווען דאָס וועגל רוקט זיך,
און ווען סע גליווערט.

יעדער זלידנע־טאָג
רופט מיך ווי זיינס גלייכן: —
„קום אַ האָפּקע, רופט ער, נארעלע, אַ האָפּקע!"
און כ'גיי זי אלעמאָל, און כ'שפּיי זיך אָפּ,
און כ'גיי זי.

בין איך קראַנק דען,
אַז איך וויל ניט,
אז איך קען דעם קרעבּס ניט דינען,
אַז ס'וואַרגט אַן עקל מיך פון אים?

ווי ז'מיר! —
כ'האָב דאָך גוטע פריינט,
און אלע האָבן קוזיניעס,
אינם הויכן לאַנד! —
כ'קען דאָך גאָר צו טאָן האָבן מיט פייער,
קען איך דאָך א אינגל זיין,
און, עפשער, שפּעטער גאָר אליין אַ מאַיסטער ווערן!

איך וואַקס א בוים...

איך וואַקס אַ בוים באַם בייס־טפּילע
אף העכסטער צווייג.
קינדער דערגרייכן מיך ניט,
ווינט איז מיין פריינט.
איך וואַקס אַ בוים באַם בייס־טפּילע,
איך דאַר און איך שקוואַר:
פון טפּילעס און ווייען,
פון שטייען אַ בוים באַם בייס־טפּילע.

אונטער די פענצטער
פון פרומען בייס־טפּילע,
ליגן פאַרשמאַכטע,
אָרעמע פרויען,
קינדער אין שויסן,
פאַרוואָרפן די קעפּ צו די פענצטער.

דורכגייער גייען,
אייזערנע, קאַלטע,
שטעלן זיך אָפּעט,
טאַפּן מיט פינגער,
מיט אויגן און אויערן,
די הענט באַ די פרויען,
די הענטלעך באַ קינדער,—

אין גליווער פארשמאכטע
באַ אָפענע פענצטער,
פענצטער פון טפילע!

איך וואַקס אַ בוים באַם בייס-טפילע,
איך דאַר און איך שקוואַר
פון טפילעס און וויינען,
פון שטיינען,— אַ בוים באַם בייס-טפילע.

זייטלעך פון „איסים"..

א י נ ט ר אָ ד ו ק צ י ע

זיינען מיר געוואַקסן,
זיינען מיר דערצויגן
אינם אַלטן ווייַנגאָרטן,
וואָס די עלטער־זיידעס
האָבן אים געפלאַנצט.

אַכטן מיר די עלטער,
היטן מיר דעם קעלטער,
ליבן מיר דעם ווייַנגאָרטן,
וואָס די עלטער־זיידעס
האָבן אים געפלאַנצט.

זיינען מיר די יונגע,
זיינען מיר די טרוימער
פונם אַלטן ווייַנגאָרטן
אױף דער אַלטער ערד! —

טרינקען מיר די זונען,
זאַפּן מיר די טויען
אין די אַלטע ווייַנגערטנער
אויף דער אַלטער ערד! —

קומען אלע מאָרגנס,
קומען העלע קניען
צו דעם מעכטיק־ווייגנאָרטן
פֿאַר זיין גרייזן רום! —

אַלע... נאָר איין מאָרגן,
זאַמט און טוט ניט קומען
צו דעם מעכטיק ווייגנאָרטן
פֿאַר זיין גרייזן רום! —

אַכטן מיט די עלטער,
היטן מיט דעם קעלטער...
סע באַשווערט אונז ווייגנאָרטן
ברענגען יענעם פּרי! —
אַכטן מיר די עלטער!
היטן מיר דעם קעלטער!
ליבן מיר דעם ווייגנאָרטן! —
זוכן מיר דעם פּרי!..

פירן מיר דעם מאָרגן
אין די טוי־געזאַנגען,
צו דעם מעכטיק־ווייגנאָרטן —
פֿאַר אַ לויב־געזאַנג!

קוואַלן קוועלן קוואַלן,
טרוים מיט פליגל־שטראַלן,

וואָר אין בלויע ווייטן,
טאַנצן דעם באַגעגן־טאַנץ
פון דעם קלאָרסטן מאָרגן
מיט דעם אַלטן וויינגאָרטן,
ליבן לויב־געזאַנג!..

1

רעגנבויגנדיקע,
אף רעגנבויגנדיקער וועלט,
זייט צום יאָנטעוו גרייט! —
יונגע, יונגע,
אוראַלט אומגעקערט צו אונז
מיט באוואַקסן ווילדן פּאָנעם,
קוקט אף אונז מיט כידוש.
העלע צוקונפט אויסגעשטרעקט,
אַ וויע אויפגעעפנט,
מורמלט שטראַליק: —
„— א מאַזל פון א דאָר!..״

2

— אונזער מאַזל: —
פיל־געשטאַלטיק,
פיל־זוניק,
קומט פאַר אונז אריין

אין רעגנבויגנדיקער וועלט —
מיט שטראַלנדיקע איבערפליסן...

— אונזער מזל: —
פּאַמעלעכן שטייט אויף,
פּאַמעלעך קומט אנטקעגן
די צוגעשמידטע מענטשן-וועלט,
ווערט באהעלט, —
פון ערשטן אוראַלט-שטיין
ביז לעצטן שטאַפּל „זיין"...

נאָך א פּאָרטרעט

האָט יעדער זיין קעסטעלע, האָט יעדער זיין שליסל,
זאָל ער ניט מיינען זיין סאָד איז פאַרשלאָסן...

גייסטו אַרום גאַנצע טעג אין די מאַרקן
מיט קעסטעלע פעסטן אף צען מאָל פאַרשלאָסן,
און קריגסט זיך מיט הענדלער און דינגסט זיך מיט טענדלער.

און שפּירסט אַף די ראָגן אף יעדן פאַרדעכטיק,
און האַלטסט זיך דעם שליסל אין טונקל פאַרבאָרגן,
אף שווייג־רינגען הארטע צום האַרצן געטוליעט,
זאָלסטו ניט מיינען דיין סאָד איז פאַרשלאָסן...

פאַרשלעפּט דיך דער אָוונט אין דיינע פיר איילן,
באַטאַפּטסטו די ווענט און באַקוקסט דיינע לאָדנס,
דו ציסט דיינע הויטן פאַמעלעך אַראָפּעט,
די טויזנטער הויטן, וואָס שיצן פון אויגן,
און עפנסט דיין קעסטעלע אויף מיט דיין שליסל: —
א הייפעלע פרייד, א הייפעלע לייד,
א קופּקעלע רייד.

נאָכוואָס דערציילן

נאָכוואָס דערציילן וועגן מיינע יאָר ?
זיצן מיר דען בײַ אַ סיידער ?
נאָכוואָס אַלץ זיך, אַלץ זיך בײַשרייבן ?
קלאָר :
מיין טאָג איז ניט קיין זיידענער,
נאר שווערע, שווערע לייוונטן,
פעל און לעדער,
וואָל און ברויט
און כאַזער־האָר.

וועגן אָוונט מיינעם,
אָוונט,
בלאָוו, צי גראָוו,
צי וואָס,
כ'וועל קיין פרעמדן מענטש ניט נודען,
מיט מיין שטוביקן פאַרדראָס.
קלאָר :
יוגנט מיינע,
וואָס געבורעט,
וואָס געדרייט
האָט אַף דנאָ זיך איינגעגנורעט,
זיך באַלייגט,
איצט איז קלאָר דער פליס
פון מיינע יאָר.

כאַווער מײַנער,
צי דליבעסטו מיט צײַן דעם שטײַן
פֿון אונזער טאָג;
צי שמעלצסטו פֿאַר אונז זון אין הײסע קעסלען,
צי בלאָנקעסטו אין קאָרידאָרן דולע,
צי קריצלסטו אין טרעסטן
האַרטע אײַנסן, װײכע נולן: —
כ׳גײ אין שפּאַן מיט דיר און דיר,
דו אַרבעטער, דו כאַווער מײַנער!
מיט דיר די װילד־קאַפּױרן רײַבן,
װי שטײַן אין שטײַן ביז װײַסן גלי,
מיט דיר אײַנײנעם אָפּשלאָגן אַטאַקעס
און אָנגרײַפֿן אין קריג. —
דורך ענדערונג שטענדיק
דורך אײביקן פֿלי, —
צום שטײַגן,
צום גרײַכן,
צום בלענדיקן אַהין!

ליד צו מיין לערער

געדענקסטו נאָך עפּשער אַ זומער-„שאַבּאַש",
ניקאָלאַיעווער האַפן, די שטאַל באַם קאָנטאָר,
א אינגל א קליינס מיט א פּענימל — אַש.
צעדרייט און פאַרשעמט באַ דער זייט פונם ראַש,
א אינגל, וואָס טראָגט אין די ביינדלעך די דאָר.

דו ביסט געשטאַנען אין ריי נאָך דיין לוין,
אַ געלע סטראַשידלע, — דיין לאַנגער געשטאַלט.
ביסט צוגאַן צום אינגל:
— „וואָס קרעכצטו, פאַרשוין?"
— „צען שאָ געאַרבעט און האלב מיין געהאלט".

סע האָט דיך באַם הארצן פאַרקאָכט, האָסטו האַרט
אַ ברום געטאָן: „כעוורע! אַריין אין ביוראָ!"
סע זיינען די „שעפן" געבליבן פאַרשטאַרט,
סע האָבן די „שעפן" די אויגן געשאַרפט,
און דו האָסט צערודערט די גאַל ביזן דנאָ.

כ'האָב פאַרגעדענקט יענעם וואונדער-„שאַבּאַש",
דיין דאַרער געשטאַלט און דיין וואָרט ווי אַ סוק,
דיין מונטערער אָנגרייף, דיין גרויזאַמער קוק —
זיי האָבן באלויכטן מיין פּענימל — אַש.

דו האָסט מיך גערופן אין טיי־הויז „קיטאַי“,
מיט ברוינער ציקאָריע און בייגל געקוויקט.
באַ טישן געשניצטע מיט ווילד־שניצערייַ,
האָסטו דאָרט גערעדט וועגן בונטן און מאַי,
און שטיל אַפן אויער, — פון וואונדערלעך גליק.

איך האָב עס צום ערשט אין מיין לעבן דערוואוסט
צום ערשטן דערהערט, — האָט זיך גלויבן געגלוסט,
אַ שטאָלענע שייד איז מיין אָרעמע ברוסט,
אַ בלאנקנדע שווערד קען אַ פּאָך טאָן פון שייד,
כ'האָב גלויבן געגאַרט אין די ליכטיקע רייד.

רעטענישן

איכ'ל מיר צונויפשלאָגן הויצאָעס,
און פרילינג פאָרן קיין כערסאָן,
כ'האב דאָרט אינגלווייז געארבעט,
כ'האב געבאַקן בייגעלעך מיט מאָן.
 וויפל לאַטקעלעך אַף די פלידערן,
אַזוי פיל באַלעבאַטעמלעך פאַרשיידענע.

שטאָק-נאכט שוין, נאך דער אַרבעט,
האב געמוזט נאך אויסוואַשן דעם דיל.
שפעטער זיך איך אינם טיי-הויז
מיט די ארבעטער. סע שטיל.
הענט צעפאַרעטע, געבויגטע פלייצענעס,
איך, דער אינגערער, פרעג אלע מאָל א רעטעניש.

„ס'האט זיך הענט און ס'איז א פערדעלע
„מע קען עס קויפן אַפן מאַרק?"
און נאָכן טרעפעניש איז נאך א רעטעניש:
„סע שטייט אין מאַרק און פאָרט אונז אַפן קאַרק?"

ביינק איך נאך די כעווררע-לייט
ביינק איך נאך די אייגענע.
כ'וועל צו אייך אַראָפקומען
אַנדערש גאָר שוין פרעגן אייך.

צווייטער טייל

12. ל. קוויטקאָ

געזאַנגען

* * *

ווען דער ווילן וואַכט ניט,
קומט די יונגע שוואַכקייט: —
די ליבע
באַנאַכט.

אָט הויבט מיך אויף דער טרוים,
פירט מיך בײַ דער האַנט
אין טויעוועוואריע.
לאַמטערנדלעך בלויע
הענגען אין רוים.

טרעף איך אַלע באַטאָגיקע פרויען,
די, וואָס באַגעגנט באַטאָג אין אַנשטאַלט.
מע זינגט און מע שאַלט.

ווער ווייסט זייער נאָמען,
ווער ווייסט זייער טאַטן,
יעדע צעשפרייט מיר איר וואַרעם כאַלאַט.

איינע צעוויגט די הענט צו טאָן א שפרונג.
אַן אַנדערע מורמלט: דו שיינער יונג.
און ס'טוט אונז גאָר דער קאָפּ ניט ווײ
אַ קײַלעכדיקע נאַכט צעדרייען.

וועפּט זיך אויס די וואַרעם,
די כאַלאַטלעך קילן,
פרי־פאַרטאָג דערוואַכט דער ווילן.

פרי־פאַרטאָג, פאבריקן קרייען,
לויטערקייט פאַרטרייבט די נעפּלען־טראָלדעס,
כאַפּן זיך די פרויען אויפצושטייען,
וואַרפן אָפּ דעם שלאָף,
ווי לייכטע קאָלדרעס.

קילע וואַסער, ערשטע זון,
נאקעטס וואַשט זיך פריש אין כוואַליעס.
און באַלד, זיי אָרדנען לאַנג
דעם לייכטן שטאָף אַף פרישע טאַליעס.

און קלאָרקייט לאָזט זיי איבער גרויסער שטאָט
צו מי, צו טאָג.

כ׳האָב געקליבן

כ׳האָב געקליבן, כ׳האָב געקליבן
אין מיין האַרצן פרייד,
כ׳האָב באַהאַלטן, זי באהאלטן
שטילערהייט —
כ׳האָב געמיינט: די זון, פארגייען וועט זי רויט,
וועל איך קאָנען פאַר דיר שטייען
מיט מיין פרייד.

איז דאָך אָבער זון פאַרגאַנגען אזוי בלאַס,
שטיי איך עלנט מיט מיין האַרצן אַף דער גאַס.
עפשער האָסטו, עפשער האָסטו דאָס געוואוסט,
אַז עס זאַמלט פרייד מיין האַרץ און ברוסט.
אַז פארגייען וועט די זון היינט בלאַס —
עפשער האָט פאַרגלוסט זיך דיר אַ שפּאַס,
דיר און זון עס האָט זיך דאָס פאַרגלוסט...

שטיי איך עלנט מיט מיין האַרצן אַף דער גאַס...

דיין פערדל

האָסט דורכגעשוועבט אַף דיין פערדל
פאַר מיינעם אַ פענצטער,
מיין שענטסטער.
איך זוך דיך —
ביזט שוין ניט פאַראַנען.
נאָר אַף די גרינע קאַשטאַנען
פיבערט דיין אימפעט אַף בלעטער
און ס'רויכערט דער שטויב אַף די ברעטער,
וואָס רוען באַ מיינע שטאַכעטן.
ווייסטו? מיר כאָלעמט זיך גלעטן,
די גלעטן, וואָס גלעטסט דיין פערד,
זיין האלז און זיין רוקן, —
דיין פערד! —
כ'וואָלט אין פורכט פאַר אים בוקן,
די אַנגסטן פאַרטרויען,
פאַרטרויען אין אויער:
„טראָגסט מיין ליבן פאַר מיין פעלד און מיין טוי,
פאַר מיין טאָג און מיין בלוי,
וואוהין זשע קומט ער אינאָוונט,
וואו ס'נאכטלעגער טוט ער באַשטעלן?
ווייסט ער, ווי ס'בענקען,
איך,
מיינע שוועלן!..“

אף זאַקסענער זאמד־שטיינער

די שטיינער פון היצן צעדולטע,—
צעדרייען שוין גאָר מיין געדולד.
פארסארפעטע הייטלעך פון שלענג
דערמאָנען: ס׳איז גוט מיר און ענג.

ענג און צעדולט און צעדרייט,
ווי זעמדעלעך דאָרט, וואָס צעשפּרייט,
גוט און צעדרייט און צעדולט,—
שניידט מיך די צוים פון געדולד.

אירע, די טעצעלעך־קני,
ווי קינדערשער, לוסטיקער רוף:
אָדער זי קלעמט זיי אין גלי,
אָדער צענעמט זיי און גיט זיי דעם שלאָף!

בליאיקע ערד,— ארום זון;
בין — אַרום בלום,—
מיין דאָרשטיקער טרוים —
איר געלעגער ארום.

גלאַט און מוסקולדיק
איז יעדער גליד,

די איידלע קיילעכקייט פון ליטקעס
בויגט זיך אָפּ און ציט ארום די קני,
און ווייטער פאַלט אין צויבער ביזן טריט,
און שלעפּט מיך מיט.

לויפט א כוואַל נאך א כוואַל
און שמירט דאָס מויל מיט ווייטיק, וויין,
נעמט אָפּ די וואָג פון מיר,
און מאַכט מיך לייכט,
לייכט.

טוט מיך א הויב
און וואַרפט מיך אריין
„דו וועסט א מאַמע זיין...״

און ס׳טוט אַ ריס,
אַ ריס,
צוריק אַ פלי,
פון טיף פון טריט פון אירע פיס,
און פיל אַף ליפּן נאָך דאָס זיס.
דער צויבער הויבט זיך אויף פון טריט
און העכער צו דער קני זיך ציט,
און שווערער צו דער קיילעכקייט פון ליטקעס
ציט דער צויבער, ציט צו יעדער גליד,
און שלעפּט מיך מיט.

שטיינער איינציקע

שטיינער איינציקע, מיין קינד,
ציגל סטאָסנווייז צעוואָרפֿן
פֿאַר דער שוועל פֿון אונזער מאָרגן,
פֿאַרן קרייז פֿון אונזער גליק.

מיט שמייכל דיינס, מיט ארבעלעך פֿאַרשאַרט
לאָמיר פֿאָרמען אונזער גליק,
מיר האָבן ביידע בליענדיקע יאָר
און געזונטע אָדערן מיט לעביק בלוט.

זע! איך פֿארוואָרף א קלעטערן־געשטעל,
מיט שטריק און ברעטער איינגעפּרעסט אין ווענט...
קינד, מיט דיינע און מיט מיינע הענט
וועלן מיר אויסטאָקן א שוועל...

שלאנק וועט זיין דער אויסגעבויטער טרוים,
ווי אַ גאָטיש טעמפּל שפּיץ־פֿארשפּיצט,
און מאַיסע־בילדער אויסגעשניצט
אף יעדער ראם און יעדער זוים.

און שטעל דיר פֿאָר: איך בין דאָרט דאָ,
און שטעל דיר פֿאָר: דו ביזט דאָרט דאָ,
און ביידע פֿאַר דער ליוסטרעס פֿרייד

אין שוימיק וועבעכץ אָנגעקלײדט
לייענען שטיל, אַהין, צוריק
אונזער גליק...

דו גלויבסט דאָרט יעדן וואָרט,
איך גלויב דאָרט יעדן וואָרט.

פּאַרשפּעקטיקט

דער דרויסן איז היינט אָנגעטאָן אין גרויען.
אַ שאָטן פֿון זיין פֿאַלדנדיקן מאַלבוש
פֿאַלט אריין דורך פֿענצטער אינם זאַל,
און אַפֿן טעפּיך האַלט דעם אָטעם איין...

פֿיל איך דיינע באָרוועס־איידלע טריט אין זאַל פֿאַרלאָזטן...
וואו ביזטו?
דער טעפּיך איז אין פֿאַרבן אלערליי,
מיט געשטאַלטן אָנגעמאָלט פֿון בראנדן־קעפּ —
פֿאַרדרייטער קסאַוו: טאָטערש, טערקיש, יעראָגליפֿיש,

ליגט אַ טרויעריקער טעפּיך מיט פֿאַרדרייטן קסאַוו,
האַלט דעם אָטעם איין אף אים דעם דרויסנס שאָטן...
בלייבן זיך, פֿאַרהוילן קליינע טריט...

צוויי טופֿליעס אַפֿן טעפּיך:
איינע ליגט צעלייגט, דאָס נעזל מיידעליש פֿאַריסן,
דאָס לעפֿל אויסגעשטרעקט,
די צווייטע טופֿליע צערטלען.
די קולקעס בליצן, בליצן, בליצן...
די צווייטע שטייט באַרויגעז טאַמעוואַטע,
די שנירלעך ביז אראָפּ צום טעפּיך,

קוקט פון טונקלער נאָז ארויס
ארויף, ארויף צו סטעליע.

פיל איך אירע באָרוועס־איידלע טריט
אין זאַל פארלאָזטן...

אום מיטוואָך

באַגינענדיקער שימער.
רויט מיין זויבערע אף קלאָרן בעט.
עס קוקט אריין דער טאָג א פרישער,
פאַלט זיין שיין אף אירע אויגלעך,
גלעט זיי, גלעט...

אין פאַרטאָגעדיקן שימער
עפנט זי די אויגלעך אויף,
טונקלען זיי מיט טונקלע פונקלען
אף די פענצטער, אף די כפייצים,
אויך אף מיר אַ פונק ארויף...
פון אונטער קאָלדרע ריזלט שטיל
און קומט ארויס א שמייכל;
קומט אף ליפּלעך,
וויגט זיך, שיינט.
זי ציט מיר אויס אַ דרימלענד הענטל:
— איז יאָנטעוו היינט?..

אָ, מיין פעפערקע מיין קליינע,
דו, מיט ווייסע דרימל־הענטלעך
דו, מיט ליפּלעך פארבויגן —
ווילסט אַ יאָנטעוול, מיין קינד?..
היינט איז מיטוואָך... פּראָסטער מיטוואָך
גראָד אצינד...

אינגע

נאָך זייער פּרי.
אַ קראַן שוין קריצט.
פֿון נעפּלן שניצט
דער טאָג זיין מאַטעווע קאַיאַר!

לאַנגזאַם שווימט אַראָפּ דאָס נעפּל־פּילץ.
פֿון ווערף,— דעם מעכטיקן אוזאָר.

און אט: די פעל מיט שטעמפּלען דורכגעברענט,
זיי וואַרטן דאָ אין נאַס־געזאַלצטן קריר
אַף וואַרעמען באַריר
פֿון מיינע הענט.

אָט יענע שיף דאָרט, מיט די הויכע קוימענס,
זי פירט אוועק דעם מאַרך פֿון מיינע טרוימען.

... די יונגע פרוי דאָרט מיטן נאָמען: „אינגע”,
זי האָט ערגעץ אַ מאַן אַ בלייערנעם,
און זי איז שיין און הערט אים פּאַר אַ דרייער.
און זי איז שיין און זוכט מיין אַקסל,
זוכט מיט קאָפּ, מיט פינגער,
זוכט מיין גאַנץ געביין,— מיט ברי,
מיט גלוסט פֿון יונגן ווייבל,
וואָס האָט ערגעץ א מאַן אַ בלייערנעם
און האָט אים ליב.

אוי, פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם! —
איבער מיינע קויכעס, כליופּט און כליופּט אריבער,
כליופּט דאָס גוטס אריבער מיינע בעכערס שפּראַך,
שנעלער, שנעלער, שנעלער
איז מיין גלוסט, איז מיין באַצווינגען. —
שנעלער פונם בליץ,
וואָס שניידט מיט שרעק מיין זינען דורך געשווינד:
„און דיין ווייב?..״
„און דיין קינד?..״

דיין נאָמען

האָסט ניט קיין ראַשיקן נאָמען.
האָסט אָרעמע פינגער,—די קלענסטע אַביסעלע קרום.
קינד מיינס, מיין קינד,—
וואו גייסטו אום?

פרויען אַף העפקער, ווי וואַלדישע שוואָמען:
וואו גייסטו אום? וואו גייסטו אום?
ווי שפּאַנסטו איבער דעם פּלאַץ,
אַז אווטאָס יאָגן אזויפיל ארום?

מיין בלוט איז אונטער זיבן הויטן,
די הויטן זיינען האַרט,
דאָך פיל איך אַ זעלטן געפיל אַ צאַרטס,
פיינסטע גערוכן פון איידלסטע שייטערן...

זאָג:
— וועסט קיינמאָל פון מיר זיך שוין מער ניט
דערווייטערן?..

אין יאַלטע

זון און בליאונג, לופט זון און,
זון מיט לייב, מיט יאַם־פּאַרפום.
צויבער, צויבער, צויבער דרויסן, —
אלע זיי אהערצו רוף!

אלע מיידלעך, אלע פרויען,
יאָגט, סע יאָגט א קראַפט און שטויסט.
שעמט אייך!
טרוסיקעס פארטרויט איר,
און ניט מיר, איך האלט ניט אויס!

הויך און לופטיק איז דער טורעם,
אַפן שפּיץ אונז וואַרט די שפּיל.
אַפן יאַם וועט זיין א שטורעם,
אַי, א שטורעם,
גאָכדעם — שטיל.

דריטער בוך

מאַי

מיט פֿיינערע טענער,
מיט שטאַרקערע טענער
גלוסט זיך אַ נעם טאָן
העכער און שענער!

גלוסט זיך אַ נעם טאָן דעם דרויסן באַם האַרץ.

אזוי ווי די זון —
אָט דער בלענדנדער טעלער,
אין וויג פֿון בורשטינען,
אין לויטערקייט העלער!

מיר — אַף גרויסע וואַסערן,
אַף הויכן יאַם. —
אַף וויטן שווים אַנטשלאָסענע,
דורך ווינט און שווינד מאַטראָסן מיר,
מיר — דער קאַפּיטאַן!

ווי וואָגיקע פֿיירעס —
צעצוויטעטע ווערטער:
פֿון גרעניץ צו גרעניץ,
פֿון יאַמים ביז גערטנער,
יאַנטעוועט דעם יאָנטעוו
דער שטאָל,
דער קוראַי, —

פאַבריק־הענט און פעלד־הענט,
און בויער און בערגער
זעצן די פאָן
אין די הויכן באַגערטע!

מיר — אַף גרויסע וואַסערן,
אַף הויכן יאַם. —
אַףווייטן שווים אַנטשלאָסענע,
דורך ווינט און שווינד מאַטראָסן מיר,
מיר — דער קאַפּיטאַן!

גייט אייך...

מיילע, גייט אייך געזונטערהייט,
גייט אייך מיטן טאָג אַוועק,
איר האָט אין לעבן ניט קיין פרייד,
ניט קיין בלום, קיין זונען־פלעק,
אייער האַרץ, — אַ קאַליע פידל
לאַנג פאַרגעסן שוין איר ליד,
אייער אויג, — אַ טייך אָן וואַסער,
וואו אַ שאָטן וויגט זיך מיד.
מיר, די יונגע, קומען שטייפע,
בלוט און פייער יונגע לייט!
זעט, מיר מאָלן אויס א לעבן:
פריי די פאַרבן, קלאָר די ווייט;
קראַפט פון אַרבעט ניט קיין שלאַבער.
לעבנס־פריידן — ניט קיין קרעכץ.
ווער סע קאָן ניט זון דערגרייכן, —
ווערט פאַרסאַרפעט און צעלעכצט,
גייט אייך, גייט געזונטערייט,
גייט אייך מיטן טאָג אוועק,
איר האָט אין לעבן ניט קיין פרייד.
פלאָנטערט זיך ניט אַפן וועג.

מיין רוף

ס׳האָט קיינמאָל נאָך אף כורוועס ניט געבליט.
איצטער זעט: רויכן גייען אויס
און אף די כורוועס — פריט!
געבייען וואַקסן אויס!

אף כורוועס פריט,
סע גייט אַ לעבן אויף,
באַנייט פון נידעריקסטן נידער
ביז איבער — וועלט ארויף.

... כאַוועך מיינער דו!
פון ווייטן, קומענדיקן פרי,
פון זונענדיקע אינזלען,
פון קעמפּעס רו,
כאַוועך דו —
ווילסט אַ גרוס פון מיר? —

איך רוף:

בין קיינמאָל ניט געווען אַזוי באַציפט,
בין קיינמאָל ניט געווען אזוי באַטויבט! —
כאַוועך מיינער! —
האָב נאָך קיינמאָל ניט אַזוי געליבט!
כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט אזוי געגלויבט!

נאָך דער ביקס

נאָך דער ביקס,
און נאָך דער שווערד,
נאָך דעם אָפּגעבּרענטן יאָך,—
פריי וועט זיין די נייע ערד!
מיט קראַפט באַשווערט!
לויטער קלאָר ווי אונזער וואָר
וועט זיין דער דאָר, א געזונטער דאָר!..

פליען וועט דער גרויסער גייסט,
איבער קלעצער פון וואַרשטאַט.
און גיי געצייג און בלאַנק געצייג
בענטשן וועט באַפרייטן טאַט.

אומגיין וועט פון שוועל צו שוועל,
פון אונזער העלדן־צייט דער העל,
פון אונזער וואונדערטאָן אַ מאיסע,—
אומגיין וועט אף וועלטן ווייסע,
מורמלען טויעג, שטילינק, ריין:
„אזוי... אזוי איז דאַן געוועז...
אַזוי... דערנאָך געשען...

און אויפשטיין וועט דער נייער מענטש,
און שטורמען וועט אַ ליב־געזאנג,

צו אונז געווענדט: —

„אָ, גרויסער פּרי!

אָ, זיי געבענטש!..

„און איר, וואָס האָט באַפרייט די מי —

אָ, זייט געבענטשט!

געבענטשט!

קומט...

קומט דאָס קינד באַשיצן!
געהענעם גייט מיט דונערן און בליצן
אַף אונזער קינד,
און אַף זיין מאָרגן.—
קומט, מיר האלבע וועלט!—
דאָס קינד באַשיצן
און באַזאָרגן!

האַלבע וועלט ציטערדיקע מאַמעס!
האַלבע וועלט פאַרהאָרעוועטע טאַטעס!
קוקט עס אָן—
דאָס קינד סע שטייגט פון נעפל אויף,
פון אייביק ליידן,
אייביק שטרייטן,—
קוקט, דאס ליכטיק קינד
מיט בלאָנדן קעפל
קומט דעם נעכטן אונז פאַרבייטן
אַף אַ זוניק־גרויסן מאָרגן.

...לאָמיר עס באַזאָרגן!

פארמישטע טראָטואַרן

פארמישטע טראָטוארן,
קאלעמוטנער אָוונט,
שאָטן - שטאָט.

וואָס בלאָנקעט איר אום,
יונגע לייט — יוגנט ?
איר גליט אין שאָטן אויף,
איר לעשט אין זון זיך אויס,
ווי דינע שאַרפן ?

פארפלאָנטערט זענט איר —
ציינער זענט איר אין אַ וואַסעריקער זעג.
ווי ליסקעלעך פון אָטשערעט
צאַנקט און פלאַטערט איר.

זייגען טאַקע שאָרכן עסעריק ?
און די שמועסן און די וואונקען
טאקע כשאָדיק ? טאַקע וואונדיק ווייי ?

ווייכט אונז טאקע,
אנטלויפט טאַקע פון אונז צו אלדע שוואַרצע יאָר
יעדער הונט,
וואָס איז נאָך ניט
מעשוגע - מעטוּרעף ?

דער הימל רייף —
ענגער, ענגער אף דער שטאָט.
ווייטן ווערן אָונטן,
בּרייטן ברעכן זיך, ווי הערצער,
ווי טרוקן שלעכטע דערנער־צווייגן.

מיילער, פֿון שרעק פֿארקרימטע,
שעלטן זיך —
ווארפֿן שטיקער שטיינערדיקע קלאָלעס,
שטיקער גאל
אף גאס, אף ראָג,
אף ווארטנדיקער שטאָט.

קאַלעמוטנער אָונט
זעצט זיך אָפּ
אף פֿארמישטע טראָטוארן.
מיר וואַקסן צוריק,
מיר גייען איין.

אין שטוב פאַרהאַקטער

אין שטוב פאַרהאַקטער
שטייען איינגעשרומפּן כּפּייצים.
צעדרוקטע,
אָפּגעלאָזטע,
וואַרטן זיי מיט מאָרעשכוירעדיקע אונטערשאָטנס,
אַז אַ שטראַלעכל,
אַ פֿונק,
אַ האָזעלע
זאָל אַריין דורך די פֿאַרהאַקטע פֿענצטער.

אוי, די כּפּייצים גלויבן גאָרניט,
אַז אינדרויסן זון איז,
אַז זי טרוקנט נעזער בײַ כאַזיירים,
קושט די מילבן־מײַלעכלעך אויף שטויב.

די שטוב־וואַזאָנעס
דאַרן אין די וואָרצלען —
שאַרן שטאַר
מיט פֿאַרשטיינטע בלעטער־שאַרפֿן
אויף אַ דורכגייענדיקן קאָפּ.

מײַנע אַלטע שוועסטער,
מיידלעך מיד־פֿאַרזעסענע,
אויסגעשטאָרצטע קינבאַקן,

דרייען קראַנקע זיך אַרום,
שווייגנדיקע, שטומע.

איינע נאָר, פֿאַמעלעכן,
ציט אַראָפּ מיט דינע פֿינגער
ווייסע פֿאָרהענגלעך פֿון פֿענצטער,
ציט ארויס פֿון זיי אָטשקורעלעך,
ציט ארויס אָטשקורעלעך, —
פֿלעכט עפּעס פֿון זיי.
מיר וואַרטן, —
מיר ווע֗לן זיך דערוואַרטן.

ליב־געבענטשטער קאָפּ

ליב־געבענטשטער קאָפּ,
איידל־ציטעריקע האַנט —
לאָז מיך אָפּ!

פֿארשליס מיך מיטן קינד
אונטער טויבער וואַנט,
מיט איינגעביסענע ליפּן זאָג דער שרעק:
„מיין מאַן איז דאָרט".

לאָז מיך אָפּ!
אף דיין פֿארהאלטן מיך
און אף מיין בלייבן —
שרייען יאָמערדיק די פּאסן פֿון דער ערד.

זע נאָר,
זע דאָס קינד,
ערשט אויסגעשפּראָצטע צײנדלעך —
ס'וואַרפט מיט דעם, —
עס טרעפט ניט
אַ צײנדל אָן אַ צײנדל.

לאָז מיך אָפּ!
כ'וועל מיין גאַנצע גאל,

מיט הינטישן,
מיט פֿײַנענדיקן צאָרן, —
כראַקען אפֿן פֿײַנט!

פֿארסאַמט מײַן בלוט.
כ'האָב בײַזע שלעכטסקײַט
אין פֿאַריאָגטע אָדערן. —
העי, —
רײַטנדיקער בלינדער דאָרן!
איך קום אנקעגן דיר!
ווי וואקסט מען עס מיט טויזנט פֿיאוקע־וואָרצלען! —
זע: — איך קום אַנקעגן דיר.

טאָג און נאַכט

טאָג און נאַכט —
דערפרוירענע וואַרטן מיר אין בייזן טאָג
אַף נאַכט לוואָנעשער.

אָנגעשראָקן וואַרטן מיר אין בייזער נאַכט —
אף טאָג דעם זוניקן.

טאָג און נאַכט —
מיר זיינען גרויס זיי אין די אויגן,
זיי וואַרפן זיך מיט אונז.

קליין זיינען מיר, גאָר קליין —
פּאכאַד שלעפּט אונז צו דער ערד,
ווי זיינס, ווי אייגנס.

וואוהין־זשע זאָלן מיר זיך הינטאַן,
קליינע?
וואוהין אונזער גרויסן ווייטיק הינטאָן?

טאָג און נאַכט —
מיר זיינען גרויס זיי אין די אויגן,
זיי וואַרפן זיך מיט אונז.

זי שנאָרעט שוין ווידער

זי שנאָרעט שוין ווידער,
די מיסעמעשונע,
אַף אָפּענע טראַקטן.

אָט קומט זי אריין שוין
מיט מעשענע טאַצן,
מיט קלאָלעשער פּויק.

שפּילט און באהאָגלט
מיט דערנער, מיט פּריסעק
ס׳נאַקעטע לייב פון שטאָט.

כ׳האָב דען ניט געבעטן זיך:
„קינדערלעך, שפּילט זיך,
הערט זיך ניט צו?"

איצט ערשט דערציטערט,
זיי כאַפּן צוריק שוין
די ויידענע אויערלעך,
צעשטאָכן, צעבלוטיקט,
פון פּריסעק צעפלאמט.—

כ׳האָב דען ניט געבעטן זיך:
„קינדערלעך, הערט ניט,
כ׳ווייס וואָס דאָס פּויקן באטייט"!

ווי ווערט עס פון הייזער
אין איינער אַ רעגע—
צעוואַלגערטע שטיינער,
גרויסע און שווערע,
אָף הפקר! —
זיי טוליען דען נאָך
דאָס וואַרעם געמיט?
טיף אין זיך,—
ס׳וואַרעם געמיט?

טאָג ווערט פינצטער

טאָג ווערט פֿינצטערער
און פֿינצטערער.
כאַפּטעס רויקן אָן זיך אויף דער שטאָט,
כאַפּטעס בלאָטיקע פֿון בלוט,
רויקן אָן זיך לאָהוט, רייסן קעפּ,
מאָרעשכווירעדיקע קעפּ.
אויך נאָך מײַנעם,
אַזאַ יונגן קאָפּ,
נאָך מײַן האַרץ,
וואָס האָט פֿאַרוויגט אין זיך די פֿרייד פֿון ליבע.
... אַן אומגליקלעך - פֿאַרבליבענער
וועט איבערציילן די האַרוג'ים.
ער וועט מײַן טויטן נאָמען
גלײַך מיט אַלעמענס פֿאַרשרײַבן מיט קליינע אויסעלעך
אין לאַנגן צעטל.
אוי, זאָל ער ניט פֿאַרגעסן דאָרט
פֿאַרצייכענען אין לאַנגן צעטל
וויפֿל איך בין אַלט געווען!

זאָל ער כאָטש דערמאָנען דאָרט,
אַז בלוטיק - יונג מײַן האַרץ געווען,
אַז שטאַרק, ווי שרעק, געווען מײַן ווילן לעבן,
מעשוגע שטאַרק,
ווי מײַן לעצטער טאָג.

ביז טויב צו ווערן

ביז טויב צו ווערן
כ'האָב פֿאַרברייטערט מיין געהער,
ביז בלינד צו ווערן
האָב פֿאַרשפּיצט מיין ריע.—
מיט אָנגעשפּיצטקייט
אָפּגעמאָסטן יעדן שאָרך,
אָפּגעוואויגן יעדן פּיפּס,
און זיי אָפּגעגעבן גאַנץ
צו מיין וואונדיק־ווייי געמיט,
צו מיין ברענענדיקן לייב
אף באהאלטן זיי.
אלע הודען זיי אין מיר:
אלע שאָרכן, אַלע שאָטנס
מערן, פּרוכפּערן אין מיר
טיף פֿארשטעקט אין בלוט און גאל.

כאַפּט מיך אָן די בייזע בשורה

כאַפּט מיך אָן די בייזע בשורה,
ווערט צעשפּאַרט מיין יונגער קאָפּ.
גרייזט און גרויט מיין יוגנט,
גרייזט און גרויט.

בינד איך איבער אַלע קניפּן
פון מיין יונגן כאַלעם־נעץ,
לעצטע קניפּן, לעצטע בליקן,
כאַלעם־נעץ.

כ׳האָב מיין ליבן ווייבל
שוין דאָס שרעקלעכסטע דערציילט —
ז׳האָט דאָס לעצטע מאָל פאַרבראָכן
אירע הענט.

כ׳וויל אין פענצטער מער ניט קוקן —
כ׳האָב דעם דרויסן גאַליק פיינט,
כ׳האָב באַצוואונגען הארץ אין צוואַנגען —
און סע שטומט.

כ׳האָב א יונג, א בליענד לעבן

כ׳האָב א יונג, אַ בליענד לעבן,
ציטער איך אזוי פאַר דעם;
איך פארגלויב עס ניט דער נאַכט,
איך פאַרגלויב עס ניט דעם טאָג,
ניט מיין אייגענעם טראָט.

אַך —
אונטער די פארביסענע פענצטער
בליען בוימער,
קליינע, גרויסע גראָזן —
ס׳אַראַ שרעק:
שטייען אַלע אָפּגעדעקטע
פאַר דער אָפענער גאַס!

ס׳אַראַ וואונדער! —
זיי געטרויען זיך דעם טאָג,
זיי געטרויען זיך דער נאַכט,
קוקן ווייט אריבער
דעם מעשונע וואָר
צום גאָלדענעם צאנק,
צום גאָלדענעם סאָף...

כ׳האָב א יונג, א בליענד לעבן,
ציטער איך אזוי פאר דעם.

רויטע סטענגעס, גרינע סטענגעס

רויטע סטענגעס, גרינע סטענגעס,
סטענגעס זיידיק־קלעפּיקע —
בּלוט און גאל.

הוידען אום זיך, וויגן אום זיך,
און פּארוויקלען פֿיס און האַלז מיר,
און בּאַקלעפּן פֿעט מיין בּרויט.

וואוהין? שוין ווידער אין די קעלערס?
קינדער! —
טוט אייך אָן ווי שיקסעלעך,
אין פּאטשיילעס קווייטלדיקע —
נאָר, כאָלילע, ניט קיין רויטע —
בּאָרוועס לויפֿט.

בּלוטיק איז די לופֿט אינדרויסן,
מ׳קאָן אייך ווען נאָך דערקענען.
זעט זשע רעדט נאָר ניט קיין אידיש,
גלאַנצט ניט אויס די בּאלעכעס.
— וואָס זשע זאָגט מען, אַז אַ בּאַנדע
שטעלט אין גאס אָפּ?..

האלב־נאַכט זיצט

האלב־נאכט זיצט א שווערער יאָך
דעם שטעטל אפן קאפּ.
זשעדנער, לעבעדיקער טונקל —
דעם שטעטל אַפן קאָפּ.

„בערל, מיין ברישער בערל,
פון וואָס אזוי בליט איצט דיין קינד?
איך לויף זיך אין שעכטהויז פארשטעקן,
דו מיטן קינד — צו דער מיל?

גיי ניט דורך טעקלעס באשטאַנען,
גיי בּאַ דעם ברעג וואָריוואָנס. —
... עפשער דורך טעקלעס באשטאַנען
און ניט בא דעם ברעג וואָריוואָנס.

דאָרט קאָן זיך דאָס קינד נאָך דערשרעקן,
פּארוויקל עס בעסער, טע קיל.
כ'ווייס ניט: —
דאָס הויפּעלע אין שטיינער באם מיל?"

דורך וואַנען ער איז שוין געגאַנגען —
דערגאנגען צו אים איז די האנט.
אים אָנגעשיט שוועבל אין האַרצן —
די יוכטענע שטיוול צוליב?

מיין בערישער בערל, צו נאַכט־הינט,
צו לוואנע —
דעם פינצטערן קאָפּ.

טרייסלט דאָס קינד אים,
די אויגן אים עפנט,
דעקט דאָס בלוט אַף הארצן איין:
„וואַ־ווע־ניו״ —
קושט די אויגן אים,
רייסט און וועקט אים,
לייגט ס׳אויערל צום וואונד צו,
הערט זיך איין,
הערט זיך איין מיט קאַלטן אויערל
באַ טאטנס בלוטיקער וואונד.

... זון,
מיט וואַרעם און דרימל
אַף קינד.

איז וואָס, אַז קלויסטער־גלאָקן

איז וואָס, אַז קלויסטער־גלאָקן האָבן זיך געפּרייט?
אַז פאַרן אָפענעם פענצטער
איז א באַקאַנטער דורכגעגאַנגען
און קיין גוט־מאָרגן ניט אַריינגעשמייכלט?

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
מיט פאַרטראַכטן שפּאַן,
מיט פינגער אומרואיק געביסן,
געבויגן
א גרינינק ריטעלע א קליינס? —
איז וואָס, אַז קלויסטער־גלאָקן האָבן זיך געפּרייט?
פון יעדן שטיין אינדרויסן
שמעקט מיט נעגעלעך,
מיט יונגיקע, קילינקע געוויקסן...

כ'האָב זיך אַריבערגעבויגן,
זיך אויסגעצויגן
דורך פענצער,
זיין נאָמען דורכגעשריגן.

...וואָס טו איך, וואָס?
וואָס הייסט איך שריי, אַז כ'ווייס נאָך ניט
באַ וועמען ס'איז די שטאָט היינט?

אַוואַדע קוקט זיך מײַן באַקאַנטער
גאָר ניט אום,
אין קאָפּ א פּלאָנטער.—
איז זײַן נאָמען אויך פֿאַרפּלאָנטערט?
האָט פֿאַרגעסן ווי ער הייסט?

אוי, כ׳וואָלט געמעגט שוין וויסן
וואָס און ווען,
אַז קלויסטער־גלאָקן האָבן זיך דערפּרייט!..

דאָס איינציקע

דאָס איינציקע
אין שטילנס ווילן — כ'בעט:
פּלויט, — אָטעם!
גראָזן, — אָטעמט!
אַז זאָלן זיי מיין אָטעם ניט דערהערן!
אטעמט הייזעריק אריבער מיר!
באנדיטן שנאָרען דאָ אזויפיל אום
און דארפן מיך
געגוויטיק מיך.

ניט פרעגט מיך איצט, פאַרוואָס איך ליג
אַ קראַנקער דאָ,
א פייער דאָ.
ניט שטראָפט מיך איצט, אַז איך בין יונג —
אַ בעטלער שוין.
ניט פרעגט מיך איצט, וואָס דאָרט געשעט,
דערמאָנט ניט „מענטש" —
ווער איז עס — איך?
ווער איז עס — זיי? —

אָטעם, — פּלויט, אָטעמט, — גראָזן
אָטעמט הייזעריק אריבער מיר!
ווי לעבט מען עס אַזאַ מין שאָפל לעבן,

אין וויגנדיקער רואיקייט?
אַזאַ מין שטילס —
אין דער־אָ צייט?
איר ווייסט דאָך גאָר ניט ווער בין איך!
און ווער זיין די, וואָס זוכן מיך! —
אָטעם, — פלויט!
אָטעמט, — גראָזן!
מע טרענט די אָדערן מיר אויס!..

ווילט זיך ניט קלאָגן

ווילט זיך ניט קלאָגן, קלאָגט זיך דאָס האַרץ,
קלאָגט זיך מיין יונגער בליאיקער טרוים:
זיין וועט מיין קינד, מיין פריידיקער בליט,—
אַ טרויעריק קינד, אַן אומעט־געמיט.
זיין וועט מיין קינד אַ שרעקיקער צווייג,
מיט פּאַכאד באהויכט,
מיט אָוונט באַגרויט.

בעט איך דיך, טאָג,
בעט איך דיך, נאַכט,
פעלט אויס מיין שוועל מיט אייער געקלאָג,
מיט אייער געקלאָג.

לאָזט מיר מיין ווילע
וועבן אליין;—
א מענטעלע צארטס
וועבן, מיין קינד.

בעט איך דיך, ווינט,
גיי דיר פאַרביי,
שלייך דיר פאַרביי!

געפאנגען

אוואַדע א נאַרישקייט א שווערס.—
נאָר מיר איז גוט, איך ווייס, אינדערהיים
מיין ווייבל שפּאַרט די בריסטלעך
מיט געליימטע פינגער.

מיין שווער, א וואַקסענער,
איז צוגעקלעפּט צום עס־טיש,
אים שלאָגט א היץ אין קאָפּ,
אים פריעט.—
טריפן פון אים ריטשקעס טריוואַקס,—
ווייל זיי האָבן פיל יעסורים,
וואָס איך בין געכאַפּט געוואָרן.

יאָ, געפאַנגען אף צו קלוימערשט:—
ס'איז דער רייטער דורכגעריטן,
מיך א נעם געטאָן באם אָטעם,—
מיט א צאָרן, מיט א שמייכל,
מיט א שפּילעוודיקן שטעכן,
האָט ארייגעגנאַרט מיין אָטעם,
יאָ, מיין אָטעם און מיין כּעס
אין זיין שוואַרצער וואַסער־פלאַש.

אַף צוקלוימערשטן, מיסטאָמע,
שפּאַרט מיין ווייבל זיך דערימען,

שפּאַרט פּאַרווייטיקט זיך די בריסטלעך.
טריפט מיין שוועך דעם קאָפּ דערימעך,—
טריפט אַף עס־טיש אויס אין ריטשקעס.
קוויטשעט איך פּגירעש, אויך דערימעך,
פּגירעש בייז און פּגירעש קוויטשעק.—
און דערימעך ווייסט ניט קיינער,
צי ס'איז טאַקע איך, מיין אָטעם,
אין דער וואַסער־פּלאַש, דעם רייטערס,
צי א נאַרישקייט א שווערס.
נאָר א צאַפּ, ווייזט אויס, דערשמעקט מיך,
טוט מיט געלער באָרד א שאָקל.
טאַמעוואַטע, גלאַט באַדויערט:
„גאָר א נאַרישקייט, נאָר קונציק,
צוגעשמעלצט דער טאָג צו נאַכט איז
אָן א סימענדל, א שפּעלטל,
קלאַפּ און בוצקעווע און שטויס זיך,
ניט צעשפּאַרן ווערסטו זיי!"

פּאַרהאַקט אין פּלאַש מיט פעסטן צאַפּן,
צום גאַרטל צוגערימענט,
שלעפּט מיך רייטער
גלאַט, אַף בולבען?
פּאַטשן זיך?
ארויסצוגרינען דורך די שוואַרצע ווענטלעך פּלאַשס?!

זען, ווי אף א ווערטל,
טוט ער נאַקעט אויס מיין טויבע מאַמע,
טרייבט איר ווייזן די סעקרעטן,
וואו פאַרשטעקט זי האָט די קינדער?!

איך זאָל כאָטש ענדיקן

איך זאָל כאָטש ענדיקן מיין דינינק פידעלע,
וואָס שניץ און טעסע עס אַ גאַנצן פרי.
פון שוועבלעך־קעסטעלע מיט פינגער פיבערשע
איך שניץ און טעסע עס א גאַנצן פרי.

— בייז געוויטער, וואַרט א ווייל פון יענער זייט!
איך מוז פאַרטעסען נאָך דעם אונטער־טייל.
און דו, טויט, שטיי א ווייל באַם שוועל און וואַרט
אף מיר —
איך מוז פאַרגלעטן נאָך דעם אויבער־טייל.

נאָך שטעלן שטיפטעלעך אין גלאַטן העלזעלע,
און ציען הערעלעך אף דינעם סמיק.—
די ראָצכים הוליען שוין אין הויף דעם שכיינישן,
און שוין פאַרהאַקט מיין טיר מיט זייער בליק.

אָ, נאָך א הערעלע פון קאָפּ אין פידעלע...
אָ, ליבע, ציטער נישט, לאָז, נאָך א האָר —
א קליינינק פידעלע דעם בלאַסן קינדעלע,
אָ, זאָל עס זיין אים נאָר צו לאַנגע יאָר!

דעם קליינעם קינדעלע א דינינק פידעלע,
מיט דינעם פעדימל אף הערצל דעם:—
זים־זים מיט סמיציקל, ווי ס׳קליינע פליגעלע:
„דעם טאַטנס פידעלע... דער מאַמעס פידעלע...״

קוק, איך פּינטל מיט די אויגן

קוק, איך פּינטל מיט די אויגן — א ? —
מיין שאָכן זאָגט, אַז איך בין טויט,
אַז מע האט מיך דערהאַרגעט, —
זאָל איך גלויבן אים, — א קריסט ? —
שראָצים מיט גרינע אויגן־שטעכער רייצט מען אָן אף מיר.
כ׳האָב באַנאַכט פון בעטגעוואַנט
אַלע ציכן אָפּגעצויגן,
הונדערט מאָל געמאָסטן זיי,
הונדערט מאָל פאַרשטאָפּט די פענצטער, טיר.

כ׳האָב שטאַרק מיט האַנטעכער פארפרעסט מיין קאָפּ.
ד׳גאַנצע נאַכט זיך איינגעהערט. —
... שאַרעוועט און שאַרעוועט,
אינדרויסן באַ די ווענט —
שראָצים.
מיט גרינע שטעכער־אויגן — שראָצים.

שרעקט אזוי מיין שאָכן מיך, אַז איך בין טויט,
אַז מע האָט מיך דערהאַרגעט, —
זאָל איך גלויבן אים — א קריסט ? —
קוק, איך פּינטל מיט די אויגן — א ?

לאָז די קינדער ניט אריין צו מיר

לאָז די קינדער ניט אריין צו מיר.
גיי.—
גליט מיין קאָפּ, צי גליט ניט —
אזוי־אָ וועל איך ליגן.

גיי.
לאָז קיינעם ניט אריין צו מיר.
קיינעמס אייסעק,— אַפֿן בוידעם א יאריד!

כ'שריי דען, קינד? —
אַ קעסטעלע מיט זאַמד, זאָג איך, זאָלסט מיר שטעלן.
בין ניט צערייצט: —
די פענצטער נאָר פאַרהענג,
טיר פון דרויסן־זייט פאַרבינד
און פריי ביסטו —
אויב גוט איז דיר צו פריי זיין.

ניט זאָרג, ניט זאָרג: —
איך בלייב ניט עלנט,
כ'הער דאָס וואונדערלעכע קלאַפּן
פון זייער פיל,
פון גאנצע געסלעך
קינדער־הייזער,
פון יעסוימים־העקדישן.—

האַרציקע קוילעכלעך,
ביטערע, וואַקלענדיקע שפּילערייען.

זאָרג ניט, קינד מיינס,
איך בלייב ניט עלנט, —
מאַך איך נאָר די אויגן צו,
שווידער איך אַרום,
צאַפּל איך אַרום,
מיט אַלע פריילעכע און לוסטיקע פאַרשווינען,
אין הייליקן גאָרטן־וואַלד, —
אין דולן.

רויטע ווענט

רויטע ווענט אַרומגעשטעלט
אַרום מיר,
מיט בלוטיק־געווער באַהאַנגען די ווענט.
מיט בייזווילֿיק קסאַוו,
סאַקאָנעסדיק קסאַוו, באַשרומפּן די ווענט:
„א שלאַנג קריכט צום בויך...
אַ בויך פול מיט טומע".
קוק איך פארבלוטיקט צום פיר־עק דעם הימל —
רויטע ווענט אַרומגעשטעלט
אַרום מיר.

און דאָרטן, פון יענער זייט,—
פאַלטערט דער זומער,
פאַטשט מיט א פרישן און זוניקן רעגן
אַ פריילעכע בראָכע
אף טאָלן און בערג.

דאָרטן, פון יענער זייט
ציטערט דער זומער,—
ער וויל ניט פאַרשווייגן
זיין גלי און זיין צאַפּל,
ער וויל ניט פארשווייגן
דאָס זונענדיק וועבן,
פון זיך און פון קריכיקס, פון ריזיקע בערג.

ער רופט מיך, דער זומער, און ציט מיך
און ציט די נעשאָמע: —
„קינד! —
וואָס קומסטו ניט, פריש איז מיין שיין. —
איך כלינע מיט ליבע,
מיט כרוכטיקן ווינט!
וואָס האָסטו דען אַנדערס, וואו ביסטו?
אינגל דו מיינס?"

זומער! מיין זומער
פון יענער זייט ווענט! —
כ'וויל דיך דערלאַנגען,
נאָר קורץ מיינע הענט.

בענקשאַפט? ווער בענקשאַפט?
מיר נעמען פארגיין
אין טיף אונטער וואָלקן,
דעם וואָלקן פון שטיין.

ווען ס'זאָל ניט זיין אזוי פיל ראָגן

ווען ס'זאָל ניט זיין אזוי פיל ראָגן,
וואָלט פּאַכעד ניט געשטאַנען אומעטום.
וואָלט ניט געשוואָלן אַזוי גיך מיין האַרץ,
וואָלט עס, עפשער, ניט געשפּאַרט אזוי
אין האַרטער ברוסט,
אין די שטעכנדיקע ריפּן-ביינער.

ווען ס'זאָל ניט זיין אַזוי פיל ראָגן,
וואָלט פּאַכעד ניט געלאָקערט אומעטום.
זעסט?
מיין ברוסט-בלאַט ברייטערט זיך און ברייטערט.
וואָס הייסט עס, אַ?
באַ אידיאָטן, דאַכט מיר,
ברייטערט זיך אזוי דער ברוסט-בלאַט.

שטיי ניט מיט אַזאַ פאַרקנייטשטן שטערן,
אויגן אַשיקע!
אנו, ס'איז דו?
שוין אַזאַ אַלטע.—
נעכטן ערשט דאָך האָט מען אונז געבענטשט
און מאַזלטאָוו אונז אָפּגעגעבן.

וואָס שפּאַרט דאָס האַרץ אין מיר?
נו, זע אַליין:—

ס׳האַרץ־געשווילעכטס וואַקסט,
פּולט מיר אַלע גלידער,
בּין קיילעכדיק געוואָרן
און ווייך־פּעטיק,
א בּיקל אַ געשטאָפּטס, —
וויין ניט, וויין ניט,
בּעסער זאָג:
„קיין בּייז אויג זאָל דיר ניט שאַדן”...

בין געווען דאָרט, אף יארידים

בין געווען דאָרט, אף יארידים,
דאָרט, באַ פּאַכעד, מאָרעשכוירע.
איך מיט נאָך פיל פיינע ברואים,
מיינע אייגענע
און ליבע.—
האָב געוואַנדלט,
הייס און האַרציק—
וואו מיט פּיין און וואו מיט מוירע.

אָפּגעמאַכט און פעסט פאַרכאַסמעט
ווייט אף דוירעס, לאַנגע יאָרן...
קוים אַוועק פון די יארידים—
אָפּגעשפּאָרט א פיין פארמעגן:
גאל און פיינטשאַפט, קאַליע אויגן,
און א נאַקן איינגעבויגן
אף אים טראָג איך—
(קיינער זעט ניט,
זאָל ניט זען!)—
אַף אים טראָג איך מיין פאַרמעגן...

קוים אַוועק פון די יארידים
מאָרעשכוירע,
קום איך, זע איך:
פלאַך נאָך טאָגיק.

פלאך נאָך בערגיק,
פלאַך נאָך זוניק.
און בעהיימעס — רואיק, רואיק.
פלאכן - גייער — גלייכע אַקסלען !
און די פּענימער — געוואַשן !
און בעהיימעס רואיק - רואיק.

פון יארידים בין געקומען,
וו'הין - זשע גיי איך ?
קערנער פרוכטיקע צעזיי איך
פון מיין האַנדל, מיין פאַרמעגן !

וואָגל

מיר וואָגלען.—
אינאָוונט איז דער שווער פאַרומערט,
שטאַרק פאַרומערט — נאָגט אַ וואָלעכש —
נאָגט אזוי — אַן אנגסט באַשלאָגט אַזש!
ער פאַרגעסט די שטוב פאַרלאָזטע,
און די מאַקרעטעס מיט האָניק,
דעם אוועקגעריבטן פידל.

בעסער אים ניט איבערפרעגן,
וואָס אים ציטערן די וויעס,
וואָס ער נאָגט אזוי אַ וואָלעכש.—
ער וועט שווייגן און וועט שמייכלען.
אָבער מיר איז מאָדנע פריקרע:
ווי זשע בענקט אַ מענטש באַיאָרטער
נאָך א פאָרל באַרן-בוימלעך,
וואָס אין שטיקעניש באַם פענצטער,
באַ פּ אַ ר ל אָ ז ט ע ר שטוב.

און אז איינגעפלאַנצט אַליין זיי?
און אז ערשטע פרוכטלעך, באַרלעך,
אף זיקאָרן זיי באַהאַלטן?
און אַז איצט שוין וואַקסט אַ צענדליק,
און אַז סיפּקע, באַרן-בערן,
און אַז ליכטיקע אַזש העלע? —

נו, איז וואָס!
ס'איז דאָס הויז דאָך דאָרט אף העפקער!
און מע שינדט די הויט די זיבעטע! —
ווי־ זשע בענקט עס אַ באַיאָרטער
נאָך אַ פּאָרל באַרן־ בוימלעך?

אָט, ביסט דאָ שוין לייע, שיקסל,
טו זיך אויס שוין, וואו געוועזן דען? —
„ששש... אינדערהיים דאָרט... גיב דעם אויער: —
פּראָקיפּ... ס'זאָל אים... פּראָקיפּ נאַסטיעס...
אויסגעריסן אַלע באַרן,
סאַי די פּאַרטיקע... די גרינגע..."

אין אוילעם־האטויע

1

דעריבער, דעריבער
גליוועדט זיין מויעך,
גליוועדט אין ווייטעק,
שווייגט אינם נעפל.
האַרץ זיינס געפענטעט,
רייסט זיך מיט פליגל,
מי'ט זיך א הויב טאָן.
זיפעט זיין האַרץ נאָך,
קוים וואס סע זיפעט,
בלאָנקעט ער אום נאָך.
גליוועדט זיין מויעך,
גליוועדט אין פינצטער,
שווייגט אינם נעפל.

2

ווי איִם, אוי, ווי איִם!
טרעפט ער א הינטל,
טרעט ער דעם וועג אָפּ.—
שפּאַנט ער אף צווייטן,
טרעפט ער א הינטל.
ציט זיך זיין וואנדל —
דולעניש נישטיקס:

נעפּל אין טונקל,
טונקל אין נעפּל.

3

האָט ער נאָך אויגן,
הויבט ער נאָך אויף זיי,
רירט זיך ניט מויעך,
וויל זיי ניט טרייבן.

האט ער נאָך אויגן —
ווער זאָל זיי לעשן?
ווער ווער דען ווען וועלן?

4

האט ער נאָך אויגן —
זעט ער קיין שטורעם,
זעט ער קיין שיפן
גייען צו גרונטן,
זעט ער קיין קעמפּעס
וואַקסן פון גרונטן. —

גליווערט זיין מויעך
דול און מורמילעש,
ווייי אים, אוי, וויי אים,
ס'וויל אים קיין דונער,
קיין דונער ניט טרעפן!

אָפּגעטרייסלט זיך

אָפּגעטרייסלט זיך
פון שאָטנס ווייען און פון שטויבן,—
טרייבט מיך זונען־ווינט צו אייך אַנטקעגן:

— א גוט־מאָרגן, זקיינים,
הינט און קוואָקעס,
באַנקבעטלעך און הירשן און בייכיקע לאָפּאַטעס.
א גוט־מאָרגן אייך, אף זייטיק
אף צעקרימטע שטעטל־וועגן.

אַלץ מיט פּעקלעך נאָך,
מיט מוטנעם גורל אין די מוטנע אויגן?
אַלץ מיט נאָך געבענטשטע דיכן:
„זיך פּרוכפּערן און מערן״!
אַלץ וואונדערלעך געבענטשטע;
אף וואָגלען, אַלץ באַרירן,—
אויפצורירן?!

א גוט־מאָרגן —
טרייבט מיך זונען־ווינט
צו אייך אַנטקעגן!

טראָג איך אייך
אף יונגן אַקסל, זאַנגען.

א לאָגל אויסגעקעלטערטע געזאַנגען.
א גוטן, יונגן כאָלעם
אינם אויפגיין פון מיין האַרץ!

צעוואַרף איך, צעשיט איך, צעשפרייט,
צעבלאָז און צעווי
די בראָכע, די בסורע, די פרייד —
פון כאָלעם מיין יונגן,
מיין גוטן —
אייך —
אף זייטיק, אף צעקרימטע וואָגל־וועגן.

פאַר אייך טאַקע, אַלטע מעוויגים,
פון לויטערן זוניקן וויין, —
בין איך א מילגרוים געוואָרן,
פול האָניק, פול קליי און כול זון!
א פרוכטיקער קום איך אצינדער
מיט זערע, מיט טוי און מיט ווינט,
איך טראָג אייך די בסורע די גרויסע
פון ערשטן פון ליכטיקן קינד!

אונז, די שפּעטסטע

אונז
איז צוגעזאָגט געוואָרן:
דאָס ווילדעניש
וועט ווערן אויסגעראָטן פון דער ערד.
א פריידיקער געלויף פון לינדגעוויקס
וועט די ערד אַרומכאַפּן,
פאַרהילן.
קוועלעכלעך לעבעדיקע וואַסער —
מיט פרייד ארויסכלינגען פון ערד.
מיר וועלן לייטערן אין דעם
די אויסגעדארטע גופים —
די הערצער טרוקענע אויפלעבן מיט דעם.

איך קאָן ניט זען,
איך קאָן ניט הערן!
די פעלזן שפּאַלטן זיך און קראַכן —
קראַך־בראַך,
פעלזיק־דונערדיק!
פון גרויער פייער־היץ פון שפּאַלטן
שפּרינגען ארויסעט שראָצים־געשטאַלטן,
פון קאָכיק, ברודיק בלוט,
שפּרינגען ארויס פון רויכיקע שייטער־אויוונס,
אַרויס און צוריק.

עפּשער איז אונז עפּעס אַנדערש
גאָר אַן אַנדערש צוגעזאָגט געוואָרן
און דאס איז נאָר די פּרואוו,
די שווערע פּרואוו
דורך שווערד און פּאַראַניעס!

זיי שטופּן מיך, שטופּן מיך

זיי שטופּן מיך, שטופּן מיך, שטופּן אַהינצו.
רייצן דעם טאָג און די נאַכט אָן אף מיר —
קריך איך מיט ברידער, מיט שוועסטער אהינצו,
יוגנט אַהין.

מיר שעמען זיך גאָרניט,
פאַר וועמען די כאַרפּע? —
מיר פאַלן, ווי הינט, דאָ
אינמיטן באַטאָג.
קינדער צעדרייטע
אין שוויינגנס פאַרטיפטע —
קוקן אַריבער
דעם איצטיקן טאָג.
ווי סעדעכעס אַלטע,
מיר האַווקען מיט קלאָלעס
און פאַלן אנידער —
פאַר וועמען זיך שעמען?
פאַר הינטישער וועלט?

...מיין האַרץ איז א קינד דאָך —
א שפּילכל פאַרנעמט עס,
א שטראַלכל פאַרבלענדט עס,
א מאַמעשיס שמייכל פאַרהיילט דעם די וואונד.

... נאָר זאָלן די היצלס,
די פּיינט און די סאָנים,
ניט וויסן, ניט וויסן,
אַז האַרץ מיינס — א קינד איז.

דערמאָן איך זיך ווען נאָר
אָן זיי, מיינע היצלס —
שפּרינגט אויף מיין האַרץ — א לאָעטע כאַיע,
א הונט א צעקאָכטער,
זיך רייסן און בייסן
באַהאַווקען, באַקלאָלען
די היגטישע טעג!

פון ניט-זיין צו ניט-זיין

פון ניט־זיין צו ניט זיין,
אין פאָרם פון מענטש בין איבערגעגאַן,
פון ניט־זיין צו ניט־זיין —
בין א צאַפּלדיק לעבן געווען.

ציט זיך א בעט איבער ערד,
ראָד ארום ערד.
ציט מען מיך, פּײנענדיק־פּײַן,
ראָד אַרום ערד.
ציט מען מיט צוואַנגען מײַן לײַב,
צאַפּעלדיק לײַב.
צוימט מען מײַן קאָפּ צו די פּיס,
ראָד ארום ערד.

פון ניט־זיין צו ניט־זיין —
אין פאָרם פון מענטש בין איבערגעגאַן,
פון ניט־זיין צו ניט־זיין —
בין א צאַפּלדיק לעבן געווען.

און ציגײַנערס אויך

און ציגײַנערס אויך ?—
מיט זעק, מיט פּעק,
מיט פֿולע רעדנעס
שלאַנק און וואויקסיק,
פֿול מיט לאָשן.

רירעוודיקער פֿון די הענט
אַרבעטן די שוואַלבן־אויגן,
גאַרן און באַגערן:
פֿון קינדס קאַרדאָנדעלע,
וואו קעצלעך טאַנצן אין אַ ראָד,—
ביז מײַן העמד מײַן שווייסיקס לעצטס,
וואָס כ'טראָג אױף זיך.

רירעוודיקער פֿון די הענט
אַרבעטן די שוואַלבן־אויגן,
פֿלאַם ציגײַנערשער, דאָרשט און גלוסט.

ליבער עפּעס זײַנען די ציגײַנערס מיר
און מאָדנער מיר.—
זיי שלעפּן דען מײַן העמד פֿון לײַב ?—
ניין,
אַליין דאָך ציט זיך עס צו זיי,

אַליין
מײַן לעצט און שווייסיק העמד.

... אַ שטייגער,
אָט שרייען זיי אויף,
אף געניי־ווישע פערד
יאָגן און יאָגן —
ניט אף וועגן, ניט אף שטעגן,
אף ד׳רוּעך ווייסט וואוהין!

... אַ שטייגער, שפּעטער,
פאַרקנעטן מיר לעקעכער,
און נאַקעטע גרייטן מיר
קיבּעד אַף כאַסענעס, —
קומען זיי פריילעך,
מיט טאַזן מיט מעשענע
לייגן אונז פאָר:
„פאַניע,
צען גריוונִיעלעך!“
נאַקעטע, שמייכלען מיר:
„זיכער געגאַנוועטע“.

גייען זיי אום פון אַ שוועל
צו אַ שוועל.

וויפל שאָען אין אַ טאָג?

וויפל שאָען אין אַ טאָג?
וויפל רעגעס אין אַ שאָ?
אין די רעגעס,— בליץ־קאַליאָסן
זיצן פּכאָדים, איך טרייב אָן.

וויכער — גיכער — שמיכער — ריך,
איך דריי פּכאָדים, פּכאָדים מיך,
פּכאָדים טויזנט, טויזנט איך.—
רעגעס פּלאַצן, בלייבן פלעקער,
אף אַ פלאָקן בלייב איך שטעקן,
שטעק איך זיך.

וואו איז הארט און וואו איז ווייך?
וואו איז מענטש און וואו זיין רייעך?—
אַלע זיין פון געלן גלאָז.
יעדנס קאָפּ — אַ בלינדער האָז.—
איך אַ שווינדל? שווינדלער? שווינד?
איך אַ יאַטקע־היגטלס קינד?
וואָס?

ווער האט עס געקאנט וויסן

ווער האָט עס געקענט גאָר וויסן,
וואָס'עט זיין ?
אין נעכטיקן פאַרנאַכט האָט זיך באַרימט
דער הימל
מיט די בלויע בערן זיינע.

דערנאָך איז לויטער אויפגעגאַן פרימאָרגן.
באַ וויטע ברונעמס האָבן פריילעך,
פולע, ליידיקע, געקלונגען
פאַרטאָגעדיקע עמער.
און די לייטערס אף די ערטער.
ווער האָט עס געקענט גאָר וויסן
וואָס'עט זיין ?

אין איינער נאָר אַ רעגע
אַלץ אָפגעמעקט — און ס'ווערט :
אין די עסצימערס : — געלעגערס,
כאָסנס צאַד און קאַלעס צאַד,
און יונגע מענטשן
וואַרפן זיך אין היץ אף די געלעגערס —
שוועבל רויכערט,
פעך זידט רויט.

אַ בראנדן-קאָפּ פארגיט בעהיימיש רואיק-רעוויק
אַ סקאַרבאָווע שאַילע —

„וואָס טויג אונז, אידן, טאַקע גאָר
דאָס לעבן אַף דער וועלט?
צו וואָ־ע־ע־עס?"

און צווישן מיינע שוואָגערס
דערקען איך באַלד די שיינע ליאַלקע גיטל.—
וויפל פלעג איך א צעפלאַמטער וואַרטן,
זי זאָל מיר ברענגען אירע קיילעכדיקע בריסטלעך?
ווי זי וויינט און שמייכלט!—
„הער אויס אומיסטן:
„איך קום אריין נאָר מיטן פעטער.
„זיצט מיין אינגל אויף אַ באַנק גאָר
„רייטנדיק, אַזאַ מין ציגל!
„וואוהין פאָרסטו, מאַמזער?—
„פרעגט דער פעטער.
„דרייט ער אויס זיך,
„און צעטראָגן, אוי, צעטראָגן:
„— קיין אפריקע!—
„זיי קריגן זיך,
„די שוואַרצע מיט די ווייסע קנעכט!
„מע וואַרט, יאָ, יאָ,
„מע וואַרט אַף זיי!..
„און ווידער זיך אוועקגעדרייט,
„פאַרווייטיקט, אוי פאַרווייטיקט
„קלאַפּט מיט פיסלעך, קלאַפּט זיך,
„און דאָס בענקל ריפּעט־סקריפּעט..."

קאַטשען מיר זיך פּאַר געלעכטער

קאַטשען מיר זיך פּאַר געלעכטער:
באַ אונז טראָגט קיינער קיין צילינדער,
מיט קעפּ און אָן קעפּ גייט מען אום.—
נאָר דער אומאַנער ראַבינער
טראָגט דעם שפּיגל קעגן זון.

קאַטשען מיר זיך פּאַר געלעכטער,—
אַז סע קומט אַריין אַ באַנדע,
מיר צעלויפן זיך, ווי מייז,
נאָר ראַבינער אין צילינדער,
דין צעפּלאַכטן הענט און נאָז,—
טאַפּט און טאַפּט אָן די סאַקאָנע,
לויפט מיט אויגן קאַלעמוטנע,
צו די קריסטן, גרויסע לייט,—
בעט און קליאַנטשעט הינטעוואַטע.
מיר, באַהאַלטענע אין לעכער —
אונזער האָפענונג נאָר אף אים!

קאַטשען מיר זיך פּאַר געלעכטער,
אַז ער אײנער אין צילינדער,
מיט דעם פּאָרל „גוטע קריסטן",—
ע ר א ל י י ן א י ד א י ן ג אַ ס.
אַז ער פירט זיי צו דער באַנדע

אויסצוקליאַנטשען אונז דעם טאָג היינט,
שוינען אונז דאָס לייב און לעבּ!

קאַטשען מיר זיך פאַר געלעכטער,
אַז מע הייסט אים דרויסן בלייבן
איין אליין און וואַרטן־וואַרטן
באַ סאַקאָנע אין די הענט.
אַז די רייטער אים דערזעען,
פאָרן גלייך אים אף צילינדער,
שינדן אים מיט די נאַהאַיקעס
אף קאַטאָוועסן די הויט!

אַז ער זאַמט זיך דאָרט, פאַרהאַלט זיך,
אַז מיר גייען אויס שוין וויסן: —
וועט מען היינט צו רו אונז לאָזן,
צי מע הויבט נאָך היינט שוין אָן?!

פון די לעכער און פון שפאַלטן
ברענען אונזערע יונגע אויגן:
ער וועט אויסקליאַנטשען, מיסטאָמע.

קאַטשען מיר זיך פאַר געלעכטער, —
באַ אונז טראָגט קיינער קיין צילינדער! —
מיט קעפ און אָן קעפ גייט מען אום. —
נאָר דער אומאַנער ראַבינער
טראָגט דעם שפיגל קעגן זון!

יאטקע־הינט, די גוטע יאטקע־הינט

יאטקע־הינט, די גוטע יאַטקע־הינט,
האָבן זיך אָנקלעפּעט,—
און טרעטן ניט פון ראָכל־לייעס שטעל אָפּ.
לאָזן גאָר קיין מענטש ניט צו.—
די עפּלעך און די בארלעך פוילן.

טאינעט ראָכל־לייע צו די הינט:
„פאַוואָס דען, ראָצכים־מעשומאָדים?!—
דער רויפע זאָגט, איך האָב געציילטע טעג נאָר!״
נאָר אויסגעלייטערט איז אין ראָכל־לייען
אַ בעטאָכן און א גרינגער שמייכל:—
„ער זאָגט עס שוין פון הונדערט יאָר!..״
נאָר די הינט, פאראקשנט און אָנקלעפּעט,
טרעטן פון דער שטעל ניט אָפּ.

ביז סע קומט איר באַסיעכידקעס כאָסן,
דער רויטאַרמייער מיט זיין טייל אין שטעטל—
ביז זיי טוען אַ צערייב די הענט:—
„אַנו, כאַוואַריע!״
און מע טוט אַ שפּאַן אַ הייסן צו די יאַטקע־הינט,
און מע טוט אַ נעם זיי בא די אויערן
די פּעלצענע, פּאַטלאַטע.

בּעט זיך ראָכל־לייע בּאַ די רויט־אַרמייער:
„שלאָגט זיי ניט, אוי, שלאָגט ניט, מעשומאָדים!..
דער רויפּע זאָגט, איך האָב געציילטע טעג נאָר!..״
נאָר אויסגעלייטערט איז אין ראָכל־לייען
אַזאַ בּעטאָכן, אַזאַ נאַכעס!..

פליט ארויס, איר בליקן מיינע!

וואָס האָבן מיינע ליבע מיך אַהער פאַרפירט?
אַפֿן בוידעם אָפּגעשלאָסן,
מיט דער פוסטקייט, מיט פאַרלאָזטקייט
און פאַרקערט דעם שפּור פון טריט.

פאַרוואָס דען זוכט מען מיך?
איז מיין קאָפּ דען ווערט אַ גראָשן?
און מיין ביין און מאַרך—אַ האַק?!

סאַכאַקל איז מיין גאַנצע קענעכטס
נאָר א ליד מיט האַרץ און פייער,
גיין מיט זינגנדיקן געגנל
אף דער אַרבעט, פון דער אַרבעט,
מיט מיין האַמער מיט מיין טאָג,
סאַכאַקל איז מיין גאַנץ פאַרמעגן
נאָר מיין יוגנט, מיין געזאַנג.

וואָס זשע קומט מיר, וואָס זשע קומט מיר
אַף אַ בוידעם, פרעג איך?

אונטער מיר איז פול די שטוב
מיט קעלט און פרעמדקייט,
איבער מיר — וואָלקן־כאַיעס
שפּילן זיך אין פאַרבן.—

פֿליט זשע, פֿליט ארויס, איר בליקן מײַנע,
פֿליט כאָטש איר אַף שטאָט און דאָרף!

בלוטיקט, זידט אין מיר א סינע:
„ווי די שטאָט איז גרויס,
„ווי דאָס דאָרף איז ברייט, —
„וואוינט דען ניט אַ מערדער —
„וואוינט אין יעדן הויז?!"

נויגט זיך צו מיר צו אַן אַלטער,
טוליעט זיך און בעט זיך:
„איז דען יעדער מערדער
„ניט געווען אַמאָל א קינד?
„לאַכט דען ניט אַ מערדער?
"לאַכט דען ניט און שמייכלט צו זיין קינד?"

לאָז, לאָז מיך, — בלוטיקט, קאָכט מיין יוגנט. —
וואו האָב איך, א ברעקל קינד,
געזעען שלעכטס?
אַז כ'פלעג מיינען גאָר:
אַ מענטש, וואָס האָט אַ באָרד,
טוט נאָר גוטס
און האָט אַ ווייב און פירט די וועלט!

דערנאָך האָב איך געשפילט אַ ליבע
מיט יעדן לעמעלע

און בוהאַי אפן באַרג.
דערנאָך פאר מאַמע און פאר
שכיינעס אין די אויגן,—
אזוי פארפלאַמט מיט׳ מיינע מיידלעך!

דאָס דאָרף אַף באַרג,
פונוואַנען מיינע מאָרגנס פלעגן אָנקומען מיט זון,
מיט שווערער מי,
און מיינע אָוונטן אויפבליען מיט ווייט־געזאַנג.
דאָס דאָרף אַף בארג
איז פול געווען מיט סעדער און מיט קינדער.
און אָפט גאָר פלעגן זיך פון דאָרף
אַראָפלאָזן די פורן,
אָנגעלאָדענע צו אונז אַפן יאריד.

איז וואָס? — ווען איך האָב צוגעזען,
ווי קרעמערס פאַטשן הייס אין הענט
און פויערס ענטפערן פאַרשלאָפן —
האָב איך באַדאַרפט זיי כוישעד זיין?
איינגעדרינגען אין זייער גרוי־פאַרוואַקסן הארץ?

וואָס?
האָב איך באדאַרפט זיך גרונטעווען
אין זייערע אויגן,—
און דאָרט דערגרונטעווען
די האַק, וואָס קומט אַף מיר?

אוי, איר אַלטע בערג,
צעשאָקלטע, צעטרייסלטע פּעראָניעסן,
איר אַלטע, אַלטע אָפּגרונטן פון ווייטיק,
לערנט מיך און גיט מיר קויעך
פיינט האָבן, פיינט האָבן ביז גרונט!

קינדער־וויגלעך געהאַקט

קינדער־וויגעלעך צעהאַקט,
טליעלעך געמאַכט,—
און די קינדער אויפגעהאַנגען.
אויפגעהאַנגען.

טויטע, בלויע פּענימלעך פאַרוואָרפן
דער ווייסער וועלט,
דער שוואַרצער וועלט.
וואַקסן פון די אויגלעך שלענג,
גיפטיקע און בליציקע,
מערן זיך און פלעכטן זיך
אין אַ שווערן שלאַנגען־קראַנץ
פאַרן סוינעס קאָפּ.

אָט קוקט מיך אָן — א קינד,
מיט אַ פאַרענטשע פון מיין וויגל
אַפן האַלז
גיי איך אום צווישן אייך!
אָך און וויי צו מיינע יונגע יאָר,
צו מיין אומגיין אין דער וועלט —

טאָגיק, טאָגיק ווערט
און קלאָר!

סע הויבן מיך אויף
די ליבע געזונטע הענט.
די ליבע געזונטע הענט
ברענגען אין גרויסן שפּיטאָל.
טאָגיק, טאָגיק ווערט
און קלאָר.

אַף גלאָז

אַף גלאָז פון אויסגעזעצטע פענסטער,
אַף צעשמיצטע שטיקער מי,
וואַלגערט זיך מיין פּיצל קינד
מיט פוכקע בלויע פיסעלעך,
מיט פאַרביסנע קולעקלעך אין שטויביק בלוט.

וועמעס איז דאָס קינד?
מיין גוילמיש האַרץ איז טויט —
א שלעכטער וואָרצל.
וועמעס איז דאָס קינד?

כ'בין קיין טאַטע ניט געווען.
כ'האָב קיין מאַמע ניט געזען.
אין גאַסן וואַלגערן זיך פלעשער נאָר,
אויסגעצאַפּטע פלעשער,
מיט אָפּגעהאַקטע העלזלעך,
מיט שמוציקע פאַרשטעקלעך.

וועמעס איז דאָס שמוציק קינד
מיט בלויע, פוכקע פיסלעך?

זון!

זון!
אַזוי פיל בעטלעך! —
זון ליגט קראַנק אַף אַלע בעטלעך?
איך אויך?

... פון אָפּגרונט קום איך,
קום זיך, קום אַרויפגעהויבן,
טיפע טיפן שלעפן אַזוי שווער אַראָפּ —
קערפער שווערע טיפן.

זון, לעק מיך אַרום,
שלעפּ אַרויס פון מיר דעם אָפּגרונטס אַנקער!
וואָס געדענק איך?
קום, קום, קום:
מיין קאָפּ —
פייער אויפגעקלאַפּט,
אויגן — קרום־שטום,
רויע שטיקלעך פלייש — צעצויגן,
בין געזינקען, זינקען, זינקען,
אינם זינקענדיקן אָפּגרונט.

גאָר מיט גאָר אַ שוואַכינק פינקל:
„איך"
„היים"

האָט געזאַידלט זיך,
געלאָשן
צווישן פֿייעריקן שטיינער־רעגן אינם קאָפּ:
„איך"
„היים"
און פֿאַרזינקען, זינקען, זינקען
אין די אָפּגרונטן פֿון זינקען.

אין רויטן שטורעם

1

מאמע, מאמע,
גיי שוין שלאָפן,
ס'איז מיט נאַכט
דיין בליק פאַרלאָפן,
גיי שוין, מאַמע,
גיי שוין שלאָפן.
כ'דאַרף דעם טאַטן עפּעס זאָגן . . .

— שעם זיך, טאַטע!
זעסט ניט טאָגן?
ווילסט דיין שווערן שלעפּ נאָך טראָגן?
און נאָך זאַמלען,
נאָך פאַרמאָגן,
און אונז שפּאַנען
אין דיין וואָגן —
שעם זיך אין דיין ווייטן האַלז!

בריג זיך, שוועסטער, צו,
זיי וויסן,
מעג דיך יאָ און נישט פאַרדריסן: —
לאָמיר שטיל מיט טרוים פאַרבלענדן

אונזער מאַמען
און מיט מאיסעלעך באַצירן,
און פאַרפירן זי, פאַרפירן,
ווייט אין ענדן,
בלויע ענדן,—
זאָל זי זיך נישט פּלאָנטען דאָ!

ווער דער טאַטע דאָ דאָך בלייבן,
וועלן מיר קאַטאָוועס טרייבן,
אים באַדעקן,
אים באַשטעקן
און די גאַל אין אים דערוועקן,
וואָס ער האָט אין אונז פאַרזעצט.
האָט ער אונז געשפּאַנט אין וואָגן
אים זיין אַלטן קויל צו טראָגן,
וואָס איז לאַנג שוין אויסגעגליט,
פאַרנעצט!
זאָלן מיר אים אָפן זאָגן:
מיר ווילן ניט!
מיר ווילן ניט!

2

ערשט צעקריגט זיך מיט די טאַטעס,—
גייען מיר, קינדער, לויפן מיר,
פילן זון!

לויפן מיר, יאָגן מיר
הין און הער.
לאַכענדיקע, שטראָמענדיקע,
שטראַלענדיקע, —
מער און מער.
פאַלן מיר אף ערד באַזייטער,
ערד פאַרדרייטער
אַף צעשפּרייטער שאַרף פון שווערד;
ראַנגלען מיר זיך
קייקלען זיך —
אין ווארעם בלוט אף ערד.

שטייען עלטערע און קוקן,
כקירען,
וואָרנען מיט די אויגן־רינגען:
„פון צעביילן זיך,
„צעקיילן,
„ווערט נישט גרינגער,
„ווערט נישט גרינגער...״
— ווייס איך וואָס! —
מיר צעקריגטע שוין מיט טאַטעס,
מיר פאַרברענען אַלטע שמאַטעס,
און צעקנאַקן גרינע גלאָז! —
אייביק־יאָר געגאַן איניינעם,
קינדער־ווידער — וועלט איניינעם, —
אָט, — א טראַך אין פויק פון יאָרן!

און מע איז צעטיילט געוואָרן:
האַלב וועלט מייז
און האַלב וועלט צאָרן!
דראָט נישט, עלטערע, מיט פינגער,
בעסער העלפט אונז,
אונז, די יונגע!

3

אויפגעוואַכט
פון מי און מאַנגל,—
מיט דערוואַרטן,
לאַנג געגאַרטן
ברודער־„גאָי״
טראָגן מיר
מיט דרייסט מיט האַרטן,—
דעם געראַנגל!
אונזער וואַכט!

פון מיין ברודער
שמעקט מיט שטרוי,
פון אונז ביידע —
שמעקט מיט שלאַכט!

— בין איך זיכער?
בין איך זיכער?
ס'וועט דיין האַרץ אַף היינט פאַרפרירן?
און ניט רירן,
ניט דערפילן,
ווי דעם שטילן,
פון דער ערד פון דיר פאַרלאָזטע
פוסט־פאַרגראָזטע? —
ניט פאַרזייטע פאַרן זומער,
און אַ שטומע,
ניט געשווירענע פאַר האַרבסט,
פאַרלאָזטע?

איך האָב איינגעקרעמפּט מיין האַרצן,
מיט די ליידן,
מיט די שוואַרצן,
מיט די טויזנטער גילגולים,
וואָס איך לעב.
שטאַרבט מיין טאַטע וואו פון הונגער
אַף א האַרט געלעג פון ברעטער,
און מיך רופט ער,
און מיך בעט ער,
וויקט מיין נאָמען אויס
אין פיין. —
שטאַרק איך זיך
און וויל ניט הערן! —

איך דאַרף זיין,
און דאַרף געהערן
צו דעם שטורעם פון צעשטערן,
צו די האַמערן די פילע
אַף צו בויען ניי —
איך ווער יונגער,
איך ווער יונגער,
איך ווער פריי!
כ׳שעפ!

4

אקסל דיינער,
אַקסל מיינער,
ביידע רירן זיי זיך אָן.
אונזער מיזרעך איז צעפלאַקערט,
גלי־צעאַקערט,
פלאַם־צעפלאַקערט,
און מיר גייען אינם פלאַקער
און עס קרייעט
אונזער פאָן:
וועלט אין שימל,
לאַנד און לענדער,
אונטער טונקלען אַלטן הימל —
ס׳הויבט זיך אָן!
ס׳הויבט זיך אָן!

ליגט אַ שרעקעדיקער דרויסן
מיט פֿאַרגלייזטע אויגן;
ליגט האַרטנעקיק קעגן אונז,
ליגט אַף העפקער קעגן אונז,
ווי אַ כאַיע אויסגעצויגן.

האָבן מיר אַ טאָג אַ גרויסן,
טאָג אַ רויטן,—
הויבן מיר אים אָן:—
שפּרייזן מיר מיט פלאַקער,
פלאַקערן,
מיט דעם גליענדיקן,
מיענדיקן
אַקער,
מיר צעאַקערן
און אַף שטויב צעשטויסן,—
הארטנעקיקן אינדרויסן.

גייט די זון אונז נאָך,—
וואו מיר שפּאַלטן,
וואו באַהאַלטן
ס׳האָט זיך שפּין,
און ס׳האָט זיך וואָך,—
קריכט די זון אין יעדן בראָך,
גייט אונז נאָך!

5

ווען סע שלוקערצט אין מיין בויך אַ וואָרעם
רופט צוריק,
נאָגט צוריק,—
שטרענג איך אָן די ביינער־אָרעם
פינגער־צוואַנגען,
צוואנג איך, דריק
גאָרגל מיינעם,
בויך־פאַרלאַנגען,
וואַרג איך, שטיק:—
„מאַמזער, ס'איז ניטאָ צוריק!
טויט צוריק!"

בראָט מיין צאָרן אף מיין לייב,
און איך נויקעם זיך אין מיר,
שמיץ איך שטיקער פון מיין לייב:
בלוט און גלוט,
און קינד און ווייב
און שטיקער פרייד.
כ'קרעמף מיין האַרץ ביז בלויען קלעם
און טו זיך אָן געברענטע לייד,—
ווען סע שלוקערצט אין מיין בויך אַ וואָרעם...

6

אײַנגעשפּאַנט אין גרויסן כאָרעוו,
גיי איך אין דעם שפּאַן דעם שווערן
אַף די הרודעס מאַרך, געהירן, —
איז דער וויסט אַף מיר פאַרלאָפן,
האָט אין האַרצן מיר געטראָפן,
און גענומען וויסטן, פּרירן,
און באַכראַקעט,
און באַשטײַנט. —
וואָס־זשע, ברודער,
כ'האָב געוויינט?

... כ'זע ווי מאַמעס
שלעפּן שטיקער פּראַכט,
שטיקער הייליקייט געהילט אין קרעפּ.
שלעפּן מוטערלעך
געטויטע זין,
בינדן צו די זין
צו זייערע צעפּ,
שלעפּן אײַנגעשפּאַנטע זיי צונויף,
שלעפּן אײַנגעשפּאַרטע,
אויגן 'סטאַרטשען גרויס,
לייגט מען זין אין שטיקער פּראַכט,
צערטלט מען די ליבע קעפּ,
פּאַקט מען אַף אַ וויע אַ טרער,

וואַרפט מען זיך ארויף,
לעקט מען אויס...
כ׳זע...

קומט מיין פרייהייטס־טרוים פון העלע ענדן
איבער די צעשמיצטע מויערן,
קומט מיט בלענדן,
מיט באציר,
ריגלט אויף פאַר מיר
די מאָרגן־טויערן
און וויזט ארײַן אין זייער ווייט:
אַלץ פאַר אייך,
אַלץ פאַר אייך!

7

ווען מיין ברודער האָט
אַ רעגע רו,—
טרעט דער וויטיק צו,
ווי פון ערד פאַרלאָזטער,
ווי פון פעלדער־פוסט,—
פליסט,
גיסט,
זעצט זיך אָפּ ווי שווערער וויסט
אין ברודערס רו.
און גריסט

פון טרוקן פעלד, וואָס דאַרט,
וואָס וואַקסט אין גרויען צאָפּ אריין,
שפּייט מיט גאַל
און וואַרט אַף גליק,
וואַרט...
טרינקט מיין ברודער וויין!
שיין!
שטראָם!
בליי!
קלאַפּט ער זיך מיט קולעקעס אין ברוסט:
„כאַם, נישטאָ צוריק!
טויט צוריק!"

8

ווידער א הויב זיך איניינעם!
מיר רייסן ארויס
לונג און לעבער פונם בויך,
פון דער אָנגעפּרעסטער
אַזש־צעזעצטער
זוינע־גאַס!
מיט די ביקסן קלאַפּן אויס
אַף דער גאַס,
פּוסטער פּאַס —
קלאַפּן פאַר וועלט דערוויסטער

ווידע אויס:
באַך! באָך!
וועלטן - פעטס
קריכער - קרעץ, —
אַפּן פּלאַץ!
אָפּ דער פוס!
אָפּ די האַנט! —
ווייזט די שאַנד!
ווייזט די שאַנד!

פּויקער, פּויקער,
זעץ די טאַץ,
זעץ אַרויס די קרעץ פון נוס!
אָפּ די האַנט!
אָפּ דער פוס! —
וועלט,
די אויסגעלאָזטע זינע - וועלט
אַפּן פּלאַץ —
ווייזט איר שאַנד!
קוקט די שאַנד!

9

טונקלט, טונקלט,
טויט די שטאָט
אָן דעם אָפּגאָט,

אָן דעם גאָט,
נאָר אַ פליגל גרויס און פינקלט
איבער קאָפּ
היט זי אָפּ.
גייען מיר צו אונזער גרויסער היים אַף נאַכט,
אַלץ געבראַכט:
איינס,
צוויי,
ברויט.
טיי,
זייד
ליין.
ווייַן.

10

זיבעטע הויט פון זיך,
פון ערד —
אָפּגעברענט.
דאָס אַלטע בוך מיט טויטע פליגן
ווערט פאַרלענדט, —
גייט אַ נייער!
איר, אויפגעהויבענע פון שטויב,
איר שלאַנגען־רויב,
וואָס שלעפן פון דער שוואַרצער ערד דעם פייער
מיט אויסגעשטרעקטע הענט,

דער וועלט אים געבן,—
איר ווערט פאַרשריבן!
איר ווערט פאַרשריבן!

11

אַף די רויכערדיקע כורוועס,
אַפן כערעם
אין וואַרעם גאָלד,
וואָס הימל שיקט אַראָפּ.—
צעלייגן זיך די ברידער,
די כאַוויירים,
רוט מען אָפּ.
שפּילט און גיסט זיך אַ האַרמאָשקע,
גיסט זיך, פּליטערט,
פּליסט זיך, ציטערט,
כליפּעט,
ציפּעט
און צעשטראַמט מיט גאָלד-געקלאַנג.

ליגט מען איין קוים אַף די כורוועס,
ליגט מען איין ניט לאַנג:
שפּרינגען איינער נאָכן צווייטן,
שטילע,
בלייכע,

און צעשפּרייטן זיך,
צעברייטן
אַף צעוואַלעניש פאַרדרייטן: —
דרייען זיך
מיט שטיקער זון,
אַף שטיקער נעץ,
אַף שטיקער מי,
אַף שטיקער קרענץ —
מיט האַוואַיעס און מיט טענץ.

12

מאַכט אַ וואַרע,
מאַכט אַ וואַרע,
לאָזט, מיין ברודער גייט אַ קאָן:
אין די וואַרעמע, ווייכע פּויסטן,
מיט פאַרדריקטע הארטע פויסטן
און מיט פלינקע עלנבויגנס
הויבט ער אָן: —
— טרוטא־טרו —
נאָכן קלענגל,
ווי א שלאַנקער
שלייף פון שלענגל;
ווי א וואַסער־רירל
פילט אַ זעמדעלעס געלעג,

טרוטאַ־טרוטאַ־טאָ! —
אָט די פֿארבן,
אָט דאָס לעבן,
אָט דאָס וועבן
מוזן שטאַרבן אין די טעג.
נאָר מיר בלייבן, —
מיר, די וועלן,
וועלכע טרייבן
וועלט צו העלע
מאָרגנס שוועלן,
נאָר מיר בלייבן
אין די קאַרבן
אייביקס קאַרבן
דאָ!

13

פֿליסט האַרמאָניע
אין פֿאַרב,
אייביקס פֿאַרב,
פֿליסן מיר אין טראָפּ,
פֿליטן מיר צום גרויסן מאָרגנס קאָפּ:
„— מאָרגן!
מאָרגן! " —
פֿאַר דיין העל,

טראָגן מיר די לעבנס אָפּ,
לייגן מיר די קעפּ אַוועק,—
פאַר דיין שוועל
פאַר דיין טיר,

. . . . .

מיר...

צווישן אונדז זאל עס בלייבן
שאַרושן

די גאָלדענע הון

האָסט, מיין אַלטע הון,
געמאָזלט און געפּאָקט,
אויסגעשטאַנען ווינט און רעגן.
שטענדיק ביסטו מיר פאַרטאָן
און פּיקסט און האָקסט —
אך!
ווען קענסט נאָך אייער לייגן!

האסט אידעאָלאָגיע,
האָסט דעמאגיגיע.
פעלט דיר נאָר אַ קלייניקייט:
טאַלאַנטאָלאָגיע!

דער שטינק־פויגל מוילי

די לעצטע נעכט, יעדער נאַכט,
קומט אַף אונזער דאַך
דער שטינק־פויגל מוילי.

דער מריק פון זיין שנאָבל איז דין,
איז ריפּעדיק דין, יעדער קלאַנג איז אַ שפּין.
די לעצטע נעכט, יעדער נאַכט,
ער שטעלט זיך אַוועק אפן דאַך
און לאָזט אַף אונז די שפּינען אָפּ,
אַף דינעם געוועב פון אונזער שלאָף.

אונז דאַכט, אונז דאַכט,— ער שטייט אַפן דאַך
און ציט אויס זיין שנאָבל, דערלאַנגט
אין שטוב, ווערט אַ געשטאַנק.

איז גרויס דער פאַרדראָס, דער ווייטיק גרויס:
מיר קענען פון בעט ניט דערלאַנגען
צום דאַך פונם הויז,
צו פּאַקן דעם שטינק־פויגל דאָרט,
אַפן דאַך, אַף זיין הויכן אָרט.

דעם טאָג דערנאָך,—
וואוהין מיר ברענגען אונזער קראַפט,

ווי געוויינלעך, צו וועבן
פון וואָכן דעם טאַפּט—

איז דאָ, אויך דאָ, דערפילט אונזער נאָז, —
אויך דאָ איז דער שטינק-פויגל מוילי געווען
און האָט דאָ זיין רייעך געלאָזט...

שולי וואנק

שולי וואַנק — איצטער סאַשע אָקטיאַבריאַנסקי,
דער לאַנגער ווערגעלעך.
אין טכוירנעם פעלך,
מיט דונערדיקן טראָט. —
ווי כאַווײרים זאָגן,
פעלט אים נאָר אַ קלײנינק שטיקל סײכל,
קעדײ צו זײן אַ גאַנצער אידיאָט.

נאָר וואָס ס׳איז עמעס שווער צו לײקענען
און וואָס ס׳איז עמעס ווערט אין זײן טאַלאַנט: —
ער האָט אַ צונג אַ גרינגע ווי אַף הײקעלעך,
אַ שאַרפן עלנבויגן
און א פלינקע האנט.

ווער איז ער?

אוי, ווער איז ער, אוי, ווער איז ער,
פון אָ דאָרטן ביז אַ ביז הער,
אַזאַ גרויסער, גרויסער איז ער. —
ווער?

איז א שרייער, איז אַ טינטלער,
איז מיט פינטעלעך אַ פינטלער.
איז פון יעדער מיט — דער עק.
וואו ס'א טיר, אַ הינצו קריכט ער,
און ער שרייט ער איז אַ דיכטער,
און ער לעקט.

ווער־זשע איז ער,
פון אָ דארטן ביז אַ ביז הער,
ווער?
— אָט, שטרעק אויס דעם פינגער, ט'איז ער,
דער!

דער בופּעטשיק

אַפֿן פּאָן פֿון בויגעשטעלן,
אַפֿן פּאָן פֿון ריזיקן פֿאַרמעסט,
ווערט יעדער פּינטעלע קלערער, העלער,
איז גרינגער פֿעסטצושטעלן פֿעסט.

אַמאָל וואָלט ער געהאַלטן א בופֿעט,
און מאָנדעלעך פֿאַרקויפֿט א שטיק א גראָשן.
אָנגעגראמט די קוינעמלעך צו זעט
און מיט זעלצער־וואַסער זיי געלאָשן.
איצט איז ער פּאָעט.

— אנו, בופּעטשיק, לימאָנאַד א פֿלאַש,
גיך, איך וועל די פֿור פֿאַרזאַמען!
— וואַרט, איך גיב א צוגאָב צו,
א פּאָעמקעלע מיט גראַמען!..

* * *

איצטער גיסט זיין ליד אף גאַס און געסל.
האלט גאָדלדיק דעם קאָפּ —
דאס אויבערשטע פֿון שטייסל.
איצטער קען ער גוט די קונץ
צו מאַכן לידער־קוואַס. —

ער ווייסט שוין וויפל שטיקלעך ליד
אף א גאנצער וואַסער־פּאַס.
און קען די קונץ דעם קוינע צו באַזינגען:
— אַי, קוינעמלעך, קומט און לעקט די פינגער!

באַם קאַלענדאַר־קריטיקער אין הויף

סע ציט פון סיבעס, סיבעס זיך די קייט.
און פון זיין לאָשן קלינגען הויך די רינגען.
דאס האַרץ איז פוסט און פוסטקייט קלינגלט.
וואס ווייטער גייט,— אַלץ פוסטער גייט.

— טיו־טיו! טיו־טיו! — רופט ער די אויפּעס צונויף.
די גענז און די הינער — אַ פולער הויף.
אויך א אינדיק איז דא,
און ווער סע קומט ניט אין הויף,
דער איז ביכלאַל אַף דער וועלט נישטאָ...

אביסעלע פּראָסע שיט ער,
אביסעלע וואַסער גיט ער.
און האט האַנאָע: ער איז אָנגעלייגט בא יעדערן.
איינעם פאַרן קנאַקער מאַכט ער,
און פונם צווייטן לאַכט ער,
און א דריטן ציפּעט ער די פעדערן,
ציפּעט און מיט נאַכעס טראַכט ער:
„איך בין אָנגעלייגט בא יעדערן"...

* * *

מיט מיינע פריינט, מיט מיינע ליבע,
מיר האָבן קלאָר געמאַכט נאָך הייסער קריג:
אונזערע לידער —
דערפלדיקע שטיבער —
אַ באַלמעלאָכעש, שטעטלש ליד.

דער גאַנג איז פאַלש:
מיר זיינען שטאָטיקע,
מיר זיינען שטאָט.
מיר זיינען דאָ מיט לייב און לעב
אריינגעהעפט אין דורכגעפרואווטן פלאַן.
די פארלאנגען אונזערע —
געצוימטע לייבן,
מיט שטרענגע שפּאָרעוודיקע שפּאַן.

אונזער קראפט איז אויסגעפרואווט.
דורך נידערן און הויכן
און די נערוון
פון געפיירט און געהאַרטעוועט מעטאַל.

פון זון דער קוואַל
איז אויך אריינגעפירט
אין אונזערע רעזערוון.

דער פּאַרמעסט איז אויספּלאַנירט
אַף גרינטלעכער באַנייאונג.
פּלאַכן,
בערג און טאָלן
וועלן מיר באַדעקן
מיט מעכטיקע עלעקטרישע געביַיען.

אינהאַלט

ערשטער בוך
בין צוגעבונדן צו מיין גרויסן הייבט
ערשטער טייל

די שוואָגערלעך 9
וועגעלעך קאַלעך 14
איך בין צוגעבונדן 17
זייטיקע באַגערן 18
פרילינגס, זומערס, האַרבסטן 20
געוועט 22
גלוסט זיך ביט 24
פּאָרטרעטן
1. מיין פּריינט 26
2. מע רייניקט 27
3. צעצווייטקייט 29
4. די היים צעפּאַלט 31
5. שפּאַציר 34
מיין קעמערל 36
כויוועס 37
זיין וואָרט 39
אויג אַף אויג 40
א באַגעגעניש 46
מאַרש 48
אַן ענטפער די סאָנים 50
סאָנים 51
דעם דירעקטערס געדאנקען
1. ראַציאָנאַליזאַציע 52
2. „באַאָבאַכטונג“ 53
באַגין 56
דאָס יאָר 1905 57
כ'האָב נאָך א פּאָר גוטע יאָר 63

הארבסט 65
דעם פויער 67
אונזערע מאמעס 68
יאוודאכע 69
די ארבעטער וועגן קונסט 72
אין דער לערע 75
ביקלעך 77
קליפקע 79

צווייטער טייל

די וועגן־קענער

באקאנטשאפט 85
האמבורג, אקטיאבר 1923 87
ווען כ׳קוק אף די שטערן 88
ווי שטארק און קלאר 91
איינער א הארבסט 94
דער ארבעטסלאזער און זיין מאמע 98
אין פרעמדער שטאט 102
בערלינער אידן-בערזע 104
דער ערשטער גרוס 105
קאפע „גאלדענער פראק" 107
היפאדראם 109
די קליינע מאי 111
אפן בארקאס 112
„ווילאגארצי" 113
אף שיף „קאפ - נארט" 114

צווייטער בוך

אומרו

ערשטער טייל

א פארב - יונג 133
זשיד 134
שטיל און טיף 136
מיין אומרו 137
כ׳האב ניט אויפגענומען 139

א שווייגנס . . . 141
טאָג - בלוי . . . 143
מיין אויצער . . . 144
דער שפיגל . . . 146
אזאַ בלויע נאַכט . . . 147
ניטע, שוועסטער . . . 149
מאַרט . . . 150
קום נישט . . . 151
אייסעוו . . . 152
מים מיינע יונגע . . . 154
פון גרויסן שאַריען . . . 155
געאוינים . . . 157
אלטע מאַרקן
1. נאַכט-געדאַנק . . . 159
2. גרייז - גרויער שמועס . . . 160
ווייבער . . . 162
בין איך קראַנק דען . . . 163
איך וואַקס אף א בוים . . . 165
זייטלעך פון „איסים" . . . 167
גאָך א פאָרטרעט . . . 171
נאָכוואָס דערציילן . . . 172
ליד צו מיין לערער . . . 174
רעטעגישן . . . 176

צווייטער טייל

געזאַנגען

* * * . . . 181
כ'האב געקליבן . . . 183
דיין פערדל . . . 184
אף זאַקסענער זאַמד - שטייגער . . . 185
שטיינער אייגציקע . . . 187
פאַרשפעטיקט . . . 189
אים מיטוואָך . . . 191
איינגע . . . 92
דיין נאָמען . . . 194
אין יאַלטע . . . 195

דריטער בוך

קלויסטער-גלעקער האבן זיך געפרייט

מאַי 199
גייט אייך 201
מיין רוף 202
נאָך דער ביקס 203
קומט 205
פאַרמישטע טראָטוארן 206
אין שטוב 208
ליב-געבענטשטער קאָפּ 210
טאָג און נאַכט 212
זי שנאָרעט 213
טאָג ווערט פינסטערער 215
ביז טויב צו ווערן 216
כאַפּט מיך אָן 217
כ׳האב א יונג א בליענד לעבן 218
רויטע סטענגעס 219
האַלב-נאַכט 220
איז וואס, אז קלויסטער-גלאָקן 222
דאס איינציקע 224
ווילט זיך ניט קלאָגן 226
געפאַנגען 227
איך זאָל כאָטש ענדיקן 230
קוק, איך פינטל 231
לאָז די קינדער ניט אריין 232
רויטע ווענט 234
ווען ס׳זאל ניט זיין 236
בין געווען דאָרט 238
וואָגל 240
אין אוילעם-האטויע 242
אָפּגעטרייסלט זיך 244
אונז, די שפעטסטע 246
זיי שטופּן מיך 248
פון ניט-זיין צו ניט-זיין 250
און ציגיינערס אויך 251
וויפל שאָען אין א טאג 253

ווער האָט עס געקענט 254
קאַמשען מיר זיך פאַר געלעכטער. 256
יאַטקע - היגט 258
פליט אַרויס 260
קינדער - וויגלעך געהאַקט 264
אַף גלאָז 266
זון 267
אין רויטן שטורעם. 269

צווישן אונז זאל עס בלייבן

שאַרזשן

די גאָלדענע הון. 289
דער שטינק - פויגל מוילי 290
שולי וואַנץ 292
ווער איז ער ? 293
דער בופעטשיק 294
באַם קאַלענדאַר - קריטיקער אין הויף 296
* * 297

ווערק פון זעלבן אווטאָר:

„רינג און רינג”

(לידער און פּאָעמען פאַר קינדער און דערוואַקסענע)

מעלוכע־פארלאַג פון אוקראַינע 1929, זייטן 258.
פרייז 2 ר. 35 ק.

„ריאָגראַנדער־פּעל”

(דערציילונגען פונם אַרבעטער־לעבן אין דייטשלאַנד)

מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראינע 1928. 173 זייטן.
פרייז 1 רובל.

„ליאַם און פּעטריק”

(ראָמאַן)

אָפּגעגעבן אין דרוק אין מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראינע.

„ווינע־לייעס”

(א פּאָעמע־בוך)

וועט הערשיינען אין האַרבסט אין פאַרלאַג „קולטור־ליגע”.